STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04341

IN YENE TSAYTN

Judah Steinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהודה שטיינבערג

אין יענע צייטן

יידיש ב. עפּעלבוים

הויז ביבליאטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

פֿארלאג / קולטור-ליגע / ווארשע

פארקירצט פאר יוגנט.

ביים איבערזעצן האט זיך דער איבערזע=
צער טיילווייז באנוצט מיט דער איבער=
זעצונג פון ב. ק—ני.

געדרוקט אין 2000 עקז.
זעצעריי ברוק און ביר
דרוקעריי „די וועלט"
ווארשע 1922

J. Szteinberg
IN JENE CAJTEN
(dla dzieci).
Wyd. Kultur-Lige, Warszawa
Druk. „Di Welt", Nowolipie 7

I

אַז פאַר שמואל שמש איז געקומען די צייט אַוועקצושיקן זיין זון אויף „סלוזשבע״, איז ער אַרויס אין גאַס, האָט אַליין געקויפט עטלעכע „העמדלעך״, אַ קעסטל און פאַרשיידענע קלייניקייטן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר אַ זעלנער, און האָט נישט פאַרגעסן אויך דעם עיקר: געקויפט אַ „מאָנאָפאָלקע״. געקומען צוריק אין שטוב, האָט ער, אין דער געגנוואַרט פון די שכנים, צווישן וועלכע איך האָב אויך געהאַט די זכיה צו זיין, געטרונקען „לחיים״ און אָנגעגאָסן אַ צווייט גלעזל פאַר זיין ווייב רבקה.

— טרינק, מחותנתטע! — האָט ער געזאָגט און זיך לוסטיק געמאַכט.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט אים רבקה אַזאַ באַליידיקונג נישט מוחל געווען. און אויך איצט האָט זי פאַרקרימט די נאָז, ווי זי וואָלט אים וועלן פרעגן: „אַ סך מאָל האָסטו מיך שוין געזען טרינקען?״ נאָר דאָס מאָל,ביים געזעגענען זיך מיטן זון, איז זי נישט אויפגעלייגט געווען זיך צו קריגן, און האָט זיך שווייגנדיק אָפּגעזאָגט פון טרינקען.

— יידענע! — האָט שמואל אויף איר אַ געשריי געטאָן. — מ׳זאָגט דאָך דיר: טרינק! עקשנטע!

רבקה אָבער האָט זיך גאַנץ וויניק דערשראָקן פאַר די געשרייען זיינע. ווארים באמת איז ער דאָך אַ גוטער „מאַן״;

און דאָס, וואָס ער טוט אַמאָל אַ געשריי, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי איינגעוווינט שוין פון יענע צייטן, ווען ער האָט „געדינט": צו שרייען אויף קלענערע פון זיך און צו כאַפּן אַ „פּאָרציע" פון שרייערס גרעסערע פון אים.

דאַן האָט שמואל ווייכער געמאַכט זיין קול:

— וואָס דאגהסט אַזוי? יידענע! ער גייט דאָך נישט, חס ושלום, צו דער שמד!

ווי רבקה האָט דערהערט דאָס וואָרט „שמד", האָט זי אָנ־געהויבן גיסן מיט טרערן. נישט ווילנדיק האָט ער דאָ אָנגערירט איינע פון אירע וווּנדן: מ'מורמלט אין שטאָט, אז אין איר משפּחה איז פאַראַן אַ „פּגימה".

— אַז דו ווייננסט, — איז דער אַלטער שמואל שוין אַרויס פון די כּלים — ביסטו דאָך שוין פּשוט אַ נאַר! לאַנגע האָר און קורצער שכל. קלאָגט, וויינט. און פרעג, וואָס? — ווענדט ער זיך צו אונז און הייבט אָן פאָרלייגן זיינע טענות:

— זעט נאָר די „קלאָגמוטער"?! דריי זין האָט זי מיר געבוירן אויף די עלטערע יאָרן. וואָלט זי דאָך געדאַרפט מאַכן „שהחיינו", וואָס זי האָט זוכה געווען אויפצוהאָדעווען אַ זון פאַר אַ סאָלדאַט, צום סוף צעווייִנט זי זיך. דערווייל, דאַכט זיך, גייט דיין זון דינען ווי אַ מענטש, און איך אין מיינע צייטן — האָ־האָ! מיך האָט מען געכאַפּט, ווען איך בין נאָך אַ פּיצל קינד געווען.

דער אַלטער האָט זיך געזעגנט מיט דעם וויינענדיקן ווייב און מיט זיינע גוטע שכנים, איז אַרויף מיט זיין זון אויפן וואָגן, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער טיר גרייט זיי אָפּצופירן אין דער שטאָט ה., וווּ עס איז געווען די „פּריסוטסטוויע".

מיר איז אַ באַזונדער זכות בייגעשטאַנען, וואָס איך בין אויך געפאָרן מיט דער זעלבער פור און אין דערזעלביקער שטאָט, און האָב געהאַט דאָס גליק אויסצוהערן פון אָנהויב ביז סוף די ביאָגראַפיע פון דעם אַלטן שמואל שמש.

הערבסט. דער וועג איז בלאָטיק און די פערד האָבן זיך קוים געשלעפּט; דער בעל עגלה האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט

און ביי יעדן שטיקל בערגל אונז מרמז געווען, מיר זאָלן זיך מטריח זיין אַראָפּקריכן פון וואָגן און נאָכגיין פון הינטן צו־פוס. די נאַסקייט קריכט אין די ביינער, דאָס לייב רינצלט. דאָס ביסל וואַרעמקייט, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך פון שטוב, איז אויסגעוועפּט געוואָרן און צוזאַמען מיט דעם איז פאַרשווונדן אויך די לעבעדיקייט פון דעם פריילעכן אַלטן, וועלכער האָט אָנגעהויבן אָנקוקן דעם זון, וואָס איז געזעסן אים אנטקעגן, אָנ־קוקן אָפּט, פון אונטן אַרויף. „דער גאַנצער חכם", וואָס אין שטוב האָט ער געוואָלט קלוג מאַכן אויך זיין ווייב און העלפן איר בענטשן „שהחיינו" אויף דעם, וואָס זי האָט זוכה געווען צו געבן אַ זון פאַר אַ סאָלדאַט — האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון: אים האָט שוין אָנגעכאַפּט אַ שטאַרק בענקעניש. שווער איז אים געווען צו טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג, ווען ער וועט דאַרפן זיך שיידן מיט זיין זון. איז ער געזעסן איינגעבויגן און האָט געשוויגן. האָט עס אויסגעזען, אַז ער האָט מפקיר געווען זיין קאָפּ און זיין האַרץ און זיי איבערגעגעבן איינגאַנצן אינם רשות פון די גדאַנקען און מחשבות, וואָס האָבן זיך דאָרט איבערגעוואַלט אַריינגעריסן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אים אַנטקעגן.

— איר געדענקט נאָך אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט אייך פון דעמאָלט אָן? — וויל איך אים אַריינציען אין אַ שמועס.

ער האָט זיך, ווי ס'האָט אויסגעזען, דערפרייט מיט מיין שאלה. אין יענער שווערער מינוט האָט דער אַלטער געדאַרפט האָבן אימיצן, פאַר וועמען אויסצוגיסן זיין האַרץ.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע זיין קליינע לולקע וואָס איז אים געווען באַזונדער טייער: ער האָט זי אַ מתנה געקריגן פון זיין אָפיציר און נוצט זי, ווי ער דערציילט, פון דע־מאָלט אָן ביז היינט. ער האָט אָנגעשאָטן אין איר טאַבאַק, אָנגע־צונדן אויף איר אַ שוועבעלע און איז איינגעהילט געוואָרן אין רויך

II

דו פרעגסט מיך, צי איך געדענק נאָך אַלץ? —האָט ער אָנגע=
הויבן ריידן צו מיר פון רויך אַרויס — ביי מיר איז דאָס אַ־
אָך אַזוי קלאָר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן פאָרגעקומען. איך
ווייס נישט געווי, וויפיל איך בין דעמאָלט אַלט געווען. איך גע=
דענק נאָר, אַז שלמה, מיין עלטערער ברודער, איז אין יענער
צייט געוואָרן בר=מצוה. צווישן מיר און שלמהן איז געווען ביי
אונז נאָך אַ ברודער, — דודל האָט ער געהייסן — וועלכער האָט
זיך מקדים געווען און איז געשטאָרבן. בין איך, הייסט עס, דע=
מאָלט אַלט געווען אַ יאָר עלף. די מאַמעס האָבן אָנגעהויבן פאַר
אונז זיך צו זאָרגן: אַ „כאַפּער" דאַרף אָנקומען אין שטאָט! אַנ=
דערע האָבן געזאָגט: ער איז שוין געקומען. אין חדר האָבן
יינגלעך דערציילט, אַז דער „כאַפּער" איז אַזאַ מין באַשעפעניש,
וואָס כאַפּט קינדער, מאַכט זיי פאַר סאָלדאטן און גיט זיי אוועק
דעם קיסר אָנשטאָט די גרויסע יידן, וועלכע ווילן נישט און
קאָנען נישט זיין קיין סאָלדאַטן. און געשפּאַרט האָבן זיך די
יונגעלייט: איינער האָט געזאָגט, אַז דער „כאַפּער" איז אַ שד,
פון יענע, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן פרייטאָג פאַר נאַכט;
אַן אַנדערער, — אַז ער איז פשוט אַ גוי, און נאָך איינער — אַז
ער איז גאָר אַ משומד; און נאָך זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע
האָבן גאָר געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר א ייד נאָר אַ רשע, און
נישט נאָר אַ ייד נאָר אפילו אַ בן=תורה, אין אַ לאַנגער קאַפּאָ=
טע מיט אַ ברייטן גאַרטל און אַ גרויסן „טלית=קטן" אויף זיך,
און דעריבער האָט איבער אים די קללה פון די צדיקים קיין
שליטה נישט. און דערציילט האָבן זיי, אַז ער טיילט יידישע
קינדער ניס און צוקערקעס. און ווי נאָר דו נעמסט עפּעס
פון אים, קאָנסטו דיך שוין נישט רירן פון אָרט אַזוי לאַנג,
ביז ער לייגט נישט אַרויף אויף דיר די האַנט און „כאַפּט" דיך
נישט.

פון אַ שמועס צווישן טאַטע מאַמע בין איך געוואָר געוואָרן, אַז איך דאַרף מיך נישט אַזוי שטאַרק שרעקן פאַרן „כאַפּער“. דאָס איז געווען דעם שבת־צונאַכטס, וואָס איז אויסגעפאַלן אין די „שלשים“ נאָכן טויט פון דודלען, די מאַמע האָט גאָרנישט געקאָנט צו זיך קומען פאַר צער: דאָס איז געווען איר „אויג אין קאָפּ“. דריי ברידער האָב איך געהאַט, דער בכור — שמחה, עליו־השלום — איז שוין געווען דעמאָלט אַ „באַווייבטער“, אַ יונגער שוחט אין שטאָט מיט „סמיכות“ אויף רבנות. גרעסער פון אים אין לערנען איז געווען שלמה, עליו השלום, כאָטש ער איז נאָך אַ ייִנגל געווען. שוין ביידע אויפן עולם האמת. דודל אָבער, ווען ער וואָלט נישט שטאַרבן, וואָלט ער זיי ביידן איבערגעגאַנגען. אַזוי איז שוין דער שטייגער פונם מלאך המות ער קלייבט זיך אויס דאָס בעסטע.

איך בין געווען... וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? — אַ פּראָסטע כּלי! מיין נשמה איז נישט געווען אַזוי שטאַרק מסוגל צום לערנען; און די מאַמע האָט געהאַט טענות צו גאָט און פלעגט שטענדיק וויינען. גרויסע בריהס זיינען זיי אַלע אויף וויינען, פיש זיינען באַשאַפן געוואָרן פון בלאָטע, און ווייבער — פון טרערן; דער טאַטע פלעגט שרייען אויף איר, זי פלעגט אים אָבער נישט הערן. מיט איר דודלען האָט זי הימלען איינגעריסן. „ווער האָט עס געגעבן דעם מלאך המות אַ שליטה איבער אים?“

אין יענעם שבת־צו־נאַכטס, נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט פאַרלאָשן די הבדלה אין די שירים פונם בעכער חיין, האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַמען און געזאָגט:

— זעסט שוין! אַ מענטש, אַ ילוד אשה, בלייבט דאָס גאַנצע לעבן אַ נאַר! זינדיקט פאַר גאָט־ברוך־הוא און ווייסט נישט צו דאַנקען.

האָט די מאַמע נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט און האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פאָר פאַרוווּנדערטע אויגן.

— דער „כאַפּער“ איז געקומען אין שטאָט—האָט דער טאַטע מודיע געווען.

— דער „כאַפּער״?! — האָט זיך די מאַמע אַ צאַפּל געטאָן.
— ער כאַפּט אָבער נאָר פון די „פערטלעך״ אָן.
„פערטלעך״, „פינפטלעך״ — פלעגט מען רופן די פאַמיליעס, וואָס האָבן געהאַט צו פיר, אָדער צו פינף זין.
— אונזער שטוב איז איצט אַ „דריטל״! דו הערסט! יידענע? דריי זין זיינען אונז איבערגעבליבן! מיר זיינען שוין פטור פון געבן אַ סאָלדאַט. איצט זעסטו שוין, יידענע, די חסדים פון גאָט־ברוך־הוא? און דו האָסט נאָך טענות צו אים?!
אַזוי איז טאַקע געווען דער מנהג דעמאָלט: יעדע יידישע קהלה האָט געדאַרפט געבן דער מלוכה אַ באַשטימטע צאָל סאָלדאַטן. דידאָזיקע צאָל פלעגט מען צעוואַרפן אויף משפחות, וועלכע פלעגן צוזאַמענגעמען די סאָלדאַטן פון זייערע געזינדלעך. גאָר נישט יעדעס געזינדל איז מחויב צו געבן אַ סאָלדאַט. די געזינדלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ סך זין, די „פינפטלעך״ למשל, האָבן געפטרט די „פערטלעך״, די „פערטלעך״ האָבן געפטרט די „דריטלעך״ און אַזוי ווייטער.
די מאַמע האָט געקוקט אויף אונז, ווי אַ נשרף, וואָס קוקט אויף די אָפּגעראַטעוועטע באַלקנס, און שטילע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן. דאָס זיינען געווען די לעצטע טרערן אויף דודלס קבר. דער טאַטע האָט זיך דערפאַר נישט געבייזערט אויף איר. מיר האָבן אַלע געפילט, אַז דודל איז געווען אַ צדיק תמים: ער איז געשטאָרבן, כדי אויסצולייזן זיינע ברידער פון כאַפּערס הענט. מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז דודלס נשמה שוועבט אַרום אין צימער, הערט אַלץ, און ווייסט, אַז מיר פרייען זיך מיט זיין טויט — און איך האָב זיך געשעמט.
אויף צומאָרגנס בין איך געקומען אין חדר מיט גרויסקייט. איך האָב זיך באַרימט פאַר מיינע חברים, אַז איך בין פון אַ „דריטל״. די „פערטלעך״ האָבן מיך מקנא געווען; די פינפטלעך האָבן מקנא געווען די „פערטלעך״ און מיר אַלע האָבן מקנא געווען די צווייטלעך און די איינציקע. קליינע יינגלעך, קינדער, האָבן שוין געוווסט דערפון, אַז ברידער פון איין טאַטן קאָנען זיין אַן אומגליק און אַ פּלאָג איינער פאַרן אַנדערן.

דאָס איז געווען אין אָנהויב זומער. די מלמדים האָבן אויף אונז גוזר געווען, אַז מיר זאָלן זיצן פאַרשפּאַרט אין חדר און זיך נישט אַרומדרייען צופיל אין גאַס ביי אַזאַ געפערלעכער צייט. דאָס איז אָבער געווען אַזאַ נסיון, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט ביישטיין אין אַזעלכע שיינע זומער-טעג.

דערווייל איז אָנגעקומען אין שטאָט דער „כאַפּער" און האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אברהמל הורוויץ — דאָס יונגע איידעמל פונם גביר ר׳ יאָסל, עליו השלום. דאָס איז געווען אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ בריליאַנט, וואָס איז אַנטלאָפן פון פוילן און איז געקומען צו אונז אין שטעטל, ווו ער איז געזעסן אין קלויז און געלערנט תורה. דער גביר ר׳ יאָסל האָט אַ סך געלט אויסגע-געבן ביז ער האָט זוכה געווען אים צו קריגן פאַר אַן איידעם.

דער „כאַפּער" איז געקומען נעמען אברהמלען אויפן רעכ-נונג פון דער דאָרטיקער פאַמיליע הורוויץ. ווי אָבער ער האָט געפרואווט אויף אים אַ האַנט אַרויפלייגן, האָט זיך די גאַנצע שטאָט אַ הויב געטאָן. דער רב אַליין האָט געשיקט רופן דעם „כאַפּער" און האָט אים צוגעזאָגט, צו געבן אים „מיט גוטן" אַן אַנדער סאָל-דאַט אויף אברהמלס אָרט. האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ געזינדל מיט דעם פאַמיליע-נאָמען הורוויץ, און מ׳האָט געפונען מיין טאַטן. ביז דעמאָלט האָב איך גאָרנישט געוווּסט, אַז דער טאַטע האָט אַ פאַמיליע-נאָמען. די זאַך איז דערווייל געבליבן ביי זיי אַ סוד. נאָר פאַר אַ מאַמען איז קיין שום סוד נישט פאַראַן. זי האָט דערשמעקט די מעשה, און נעמענדיק מיך — איך ווייס נישט, פאַר וואָס גראַד מיך — איז זי אַריינגעפאַלן צום רב אין שטוב און האָט צו אים אויסגעלאָזט איר ביטערן האַרץ.

— אַזוי איז דאָס דער יושר, רבי? צוליב דעם האָב איך מיין קינד געבוירן און אויפגעהאָדעוועט, ער זאָל איצט זיין אַ כפּרה פאַר עפּעס אַן אברהמלען?

האָט דער רב געזיפצט, געקוקט אויף דער ערד און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אָט דער אברהמל איז נישט קיין אַבי-ווער, אַז ער איז אַ תכשיט, אַ למדן מופלג, אַ ירא-שמים, וועט אַמאָל זיין אַ גדול בישראל; אַז עס איז נישט קיין יושר, מפקיר צו

זיין אַזאַ תּכשיט, אין דער צייט, ווען אַן אַנדערער קאָן גיין אויף זיין אָרט; און דערצו האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ טענה: אברהמל איז שוין אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון אַ קינד אין וויג. „היינט ווו איז דער יושר?" — פרעגט ער איר. זי אָבער טענהט אַז מ'ווייסט נאָך נישט, צי אירע קינדער וועלן נישט זיין קיין תּכשיטים, ווען זיי וועלן אויפוואַקסן; און נאָך האָט זי געטענהט, אַז זי נעמט אויך חלה, צינדט אויך אָן שבת-ליכט, און איז אויך אַזוי אָפּגעהיט אין אַלע מצוות, ווי אַברהמלס מאַמע, און ווידער טענות, און ווידער אַ געוויין, אַזוי לאַנג — ביז דער רב איז ווייכער געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין קעגן אַ יידענע.

זי האָט גענומען מיך מיט מיין ברודער שלמהן, האָט אונז באַהאַלטן אויפן בוידעם, און אָנגעזאָגט, מיר זאָלן למען-השם נישט אַרויסגיין אין דרויסן.

דער אַלטער איז שטיל געבליבן אַ ווילע, האָט אַרויסגע-לאָזט אַ לייכטן זיפץ; דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט:

— אַ סך בין איך מיר אַליין שולדיק געווען: איך בין געווען אַ צעבאַלעוועטער, האָב דער מאַמען נישט געפאָלגט. אין דעם געסל, ווו מיר האָבן געוווינט, האָט געוווינט אַ ייד אַ שענ-קער — בענדעט האָט ער געהייסן. ביי אים אין קעלער זיינען גוטע ווינען געשטאַנען, און „שררות" מיט „פּריצים" פלעגן אַהין קומען. ער איז געווען אַ שטיקל חשוב ביי זיי.

און אָט דער בענדעט האָט אַ בת-יחידה געהאַט; מ'זאָגט אויף איר, אַז זי איז געווען אַ גרויסע יפת-תּואַר און אַ גע-לערנטע. איך האָב זי נישט געקענט. און אין איין שיינעם טאָג — איך געדענק דאָס נישט, נאָר מ'דערציילט אַזוי — איז זי אַנטלאָפן פון טאַטן און זיך געשמדט, נישט פאַר אונז גע-דאַכט.

אין אַ צייט אַרום, ווען דער טאַטע אירער איז געשטאָרבן, איז זי געקומען אין אונזער שטעטל אָפּנעמען איר ירושה. דאָס איז געווען אין דעם זעלביקן טאָג, ווען מיר זיינען געלעגן באַ-האַלטן אויפן בוידעם.

אין שטעטל איז אַן איבערקערעניש געוואָרן; פון אַלע גאַסן איז מען געלאָפן אין אונזער געסל אָנקוקן די משומדת, וואָס איז געקומען נאָך יידישער ירושה. דער טומל האָט דערך גרייכט אויך צו אונז, אין אונזער באַהעלטעניש. מיר האָט אָנ געכאַפּט אַ ווילדע תאווה, אַרויסצוגיין און אַ קוק טאָן אויף איר. שילטן זי, שפייען איר אין פנים האָט זיך מיר געוואָלט. האָב איך פאַרגעסן אינגאַנצן אָן דער סכנה, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז אויך איך, אַ קליין יידעלע, טראָג אויף זיך די ערבות פאַר דער משומדת.

האָב איך מיר נישט געקאָנט איינ האַלטן און בין אַראָפּגע גאַנגען; און ווען איך בין שוין געווען אין גאַס איז אויף מיר אָנגעפאַלן דער פחד פאַרן „כאַפּער". אויף יעדן פרעמדן מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָב איך אַלץ געמיינט, — אַז אָט איז ער עס דער „כאַפּער". האָב איך זיך געקאָרטשעט, געקראָכן אין די זייטן און נישט געוווסט, ווו זיך צו באַהאַלטן.

באַגעגנט מיך איינער אַ מענטש. זיין לאַנגע באָרד און די געקרייזלטע פאות האָבן מיר עדות געזאָגט אויף אים אַז ער איז אַן ערלעכער ייד. האָב איך אָנגעהויבן קוקן אויף אים.

— וואָס איז דיר, יינגעלע? — האָט ער מיר געפרעגט מיט אַ ווייך קול.

האָב איך זיך צעוויינט: „איך האָב מורא פאַרן „כאַפּער".

— וועמענס ביסטו?

איך האָב אים געזאָגט.

— קום מיט מיר קינד, וועל איך דיך באַהאַלטן, האָב נישט קיין מורא, איך בין דאָך דיין פעטער. דו קענסט מיך דען נישט?

האָט ער מיך גענומען פאַר דער האַנט, און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך אים.

זע איך ווי די יינגלעך אין גאַס קוקן מיר נאָך פאַרגאַפטע... דער מאַמעס שכנות, וועלכע האָבן אונז באַגעגנט, האָבן פאַרבראָכן די הענט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט...

— וואָס וויינען זיי? — האָב איך מיך געוווּנדערט.

דער ייד האָט זיך איינגעבויגן צו מיר און געזאָגט:

— דו ווילסט צוקערקעס? דער פעטער האָט אַ סך! דיר טוען אפשר ווי די פיס, ווער דיך דער פעטער נעמען אויף די הענט!

ווי נאָר איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „צוקערקעס" האָב איך זיך שוין דערשטויסן, אַז דאָס איז דער „כאַפּער" און געוואָלט אַנטלויפן; דער פעטער אָבער האָט שוין געלייגט אויף מיר זיין לאַפּע, האָב איך אָנגעהויבן שרייען; ס'איז געווען נישט ווייט פון אונזער שטוב, און די איינוווינער פון דעם געסל זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן: ווער — מיט אַ געוואַלט, מיט געשרייען און ווער מיט אַ שטעקן. צווישן די געשרייען האָב איך דערהערט דער מאַמעס קול און בין לעבעדיקער געוואָרן.

זי האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך אַלעמען און איז אַרויפגעפאַלן אויפן „כאַפּער", ווי אַ חיה־רעה: האָט אים געשלאָגן, געביסן, געקניפּט, געריסן, — ער האָט מיך אָבער פעסט געהאַלטן, נישט אָפּגעלאָזן. וואָס מ'שטיינס געזאָגט אַ יידענע קאָן שוין שלאָגן. זיינען צו איר צוגעשטאַנען די שכנות: איינע, אַ צווייטע, אַ דריטע, האָבן זיי איר געוואָלט העלפן אַרויסרייסן מיך פון זייערע הענט. וואָס זיינען אָבער דריי ווייבער אַנטקעגן איין שטאַרקן מאַנספּערזאָן? דריי מאָל גאָרנישט.

דאָס איז געווען אַרום מיטאָגצייט. איז געפאַלן אויף אַ שכל איינע פון אונזערע שכנות, וועלכע האָט אַפילו נישט איבעריק ליב געהאַט נישט מיך און נישט דער מאַמען. זי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט מיט איין האַנט אַראָפּגענומען פון פייער דעם טאָפּ אָפּגעשיילטע אַרבעס, וואָס האָט זיך געקאָכט צום מיטאָג, און אין דער אַנדערער האַנט האָט זי גענומען אַ טאָפּ מיט קאָכעדיקע וואַסער. דאַן האָט זי זיך שטילערהייט צוגעגנבעט צום „כאַפּער", האָט אַ שאָט געטאָן די ברענענדיקע אַרבעס אויף דער האַנט, מיט וועלכע ער האָט מיך געהאַלטן, און באַלד נאָכדעם האָט זי אַרויפגעגאָסן אויף זיי

דעם טאָפּ קאָכעדיק וואַסער. אַ ווילד געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פונם כאַפּערס האַלז, — און איך בין פריי! — —

ס'האָט זיך אויסגערויכערט דער טיטין אין ליולקע, — און דער אַלטער האָט אויפגעהערט רעדן. אַזוי איז שוין די טבע פון שמואל שמש: ער קאָן נישט דערציילן אַנדערש, ווי פון רויך אַרויס.

דערווייל האָבן די פערד אויפגעהערט צו גיין און אונז דערמאָנט, אַז דאָ ציט זיך פאַר אונז א לאַנגער, הויכער באַרג און אַז ס'איז געקומען די צייט, מיר זאָלן זיך אַביסל דורכשפּאַצירן אין בלאָטע. מיר האָבן געמוזט מבטל זיין אונזער ווילן פאַר דעם ווילן פון די בעלי חיים, און מיר זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן.

III

זיינען מיר געגאַנגען ביי דער זייט וואָגן, דער אַלטער האָט אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע, איז ווידער איינגעהילט געוואָרן אין רויך און ווידער גענומען דערציילן.

— איך ווייס נישט, וואָס ס'איז געשען מיט מיר אין דער מינוט. ווער האָט מיך „געכאַפּט“? ווו מ'האָט מיך געפירט? דאַכט זיך, אַז איך בין די גאַנצע צייט געווען אַזוי ווי פאַרזונקען אין אַ טיפער התפעלות, און ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען אויף אַ לאָנקע ביים וואַלד, צווישן אַ סטאַדע שעפסן. נעבן מיר איז געשטאַנען מיין ברודער שלמה, איך האָב אים קוים דערקענט, ער איז געווען אָנגעטאָן, ווי אַ קליין שגצל: אַ ווייס העמדל מיט פאַלדן אויף לייווענטענע הויזן און אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטן גאַרטל. איך קוק אָן מיין ברודער, און מיין ברודער — מיך; מסתמא האָט ער מיך אויך נישט אַזוי לייכט דערקענט, ווייל איך בין אויך אַזוי געווען אָנגעטאָן. נעבן אונז איז געשטאַנען אַ יינגל און האָט

געפֿאַכט צו אונז מיט אַ שמייכלדיק פּנים, ווי אַ מכניס־אורח; דאָס איז געווען אַ קליין פּאַסטוכל, וואָס אַ גאַנצן ווינטער האָט ער געדינט ביי יידן און געהייצט שבת די אויוונס און דעריבער האָט ער געקענט פּלאַפּלען אַביסל יידיש; און זומער האָט ער געפּאַשעט די סטאַדעס שעפּסן פון דעם גאַנצן דאָרף.

די מאַמע איז געשטאַנען איבער אונז און האָט אונז געקושט מיט טרערן אין די אויגן. זי האָט אונז איבערגעלאָזן ברויט און זאַלץ, און געשריגן אויף אונז: למען השם, איר זאָלט נישט רעדן קיין יידיש, כדי מען זאָל אייך נישט דערקענען; דאָ זאָלט איר זיך באַהאַלטן ביז דער „כאַפּער" וועט אַוועק פון שטאָט. איר הערט?"

גרינג צו זאָגען: „רעדט נישט קיין יידיש!" מיר האָבן דען געקענט רעדן אויף אַן אַנדער לשון?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מין באַהעלטעניש, אונטערן אָפענעם הימל... איך בין אַנטלאָפן פון די הייזער, פון די ביידעמער און די קעלערס, זיך צו באַהאַלטן אין דעם ברייטן דרויסן, צווישן הימל און ערד; איך בין אַנטלאָפן פון דער פאַרבאָרגענער פינסטערניש, זיך צו באַהאַלטן אין דער אָפענער ליכטיקייט. און אין דער אמתן, האָב איך דען מורא געהאַט פאַר דער ליכטיקייט? פאַר דער זון מיט דער לבנה? פאַר די שעפּסן פון סטאַדע? איך בין אַנטלאָפן פון מענטשן.

די מאַמע האָט זיך געזעגנט מיט אונז און האָט אונז איבערגעלאָזן אונטער דער שמירה פון קליינעם פּאַסטוכל, און דער פּאַסטוך איז אַ ווויל שגצל געווען. ער האָט אונז ערלעך געהיט, און ביי יעדן מאָל, ווען ער האָט געזען אַ פרעמדן מענטשן צוגייענדיק צו אונז, האָט ער זיך מקדים געווען און אויסגעשריגן:

— די יינגלעך זיינען נישט קיין יידן; אויף מיין וואָרט — זיי הויבן גאָרנישט אָן צו זיין יידן.

און דער פרעמדער מענטש, וואָס איז צוגעקומען נענטער צו אונז, איז נישט געווען דער „כאַפּער", ווי מיר האָבן געמיינט.

דאָס איז געווען אַ קצב, וואָס איז געקומען קויפן שעפּסן צום שחטן.

די זון איז פאַרגאַנגען. שווער איז אונז געווען צו נעבטיקן דאָס ערשטע מאָל אונטערן פרייען הימל, ווו ס׳איז קיין מזוזה נישטאָ. איך האָב אַרייַנגעשטעקט די האַנט אונטער די שעטנז=קליידער, וואָס איך האָב געטראָגן, און האָב אָנגעטאַפּט די ציצית. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויך: זיי האָבן אין מייַנע הענט געציטערט.

אַ פינסטערער הימל איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער אונזערע קעפּ. די שטערן זיינען ביי מיר אין די אויגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרשיידענע אותיות, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען זייער פירוש; נאָר געפילט האָב איך, אַז זיי האָבן אין זיך עפּעס שלעכטס, ביטערס. אַ ברומען און אַ זשומען הערט זיך מיר אין די אויערן, און איך ווייס נישט, פון וואַנען דאָס קומט.. פונקען זע איך. אין אָנהויב האָב איך געמיינט, אַז דאָס זיינען נאָר די שטערן, וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם באַנטן טייך; דערנאָך אָבער האָב איך זיך איינגערעדט, אַז דאָ זיינען נישטאָ נישט קיין שטערן און נישט קיין טייך: דער גלאַנץ פון טייך איז נאָר דער שמייכל פון אַן אויסגעצויגענעם ריז, און די דאָיקע פונקען—דאָס ווינקען זיינע אויגן. איך קוק אויף דער סטאַדע און מיר דאַכט זיך, אַז נישט קיין שעפּסן שטייען דאָרט, נאָר עפּעס מאָדנע באַשעפעניש. זיי גייען און פאַרפלאָנטערן זיך, גייען און דרייען זיך, נעמען זיך צוזאַמען און צעשיידן זיך... מיר שטעלט זיך פאָר, אַז די אַלע זיינען ריזן, וועלכע זיינען פאַרשאָלטן געוואָרן אויסצוזען בייטאָג, ווי שעפּסן און ביינאַכט ווידער צו ווערן ריזן. און איך ווייס, אַז הינטער מיר איז אַ וואַלד; און וואָס געפינסטו נישט אין וואַלד? איז דען פאַראַן עפּעס אַזאַ רוח=הטומאה, וואָס זאָל נישט זיין אין וואַלד?

— ז ז ז! — הער איך פּלוצלינג אַ זשומעריי פון פליגן.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען.

— פאַרוואָס דו נישט שלאָפסט? — פרעגט מיך דער קליי־
נער פאַסטוך אויף זיין גוישן יידיש.

— איך האָב מורא — ענטפער איך אים.

— פאר וואָס?

— פאַר... פאַרן וואַלד.

— העי דו נישט מער האָב מורא — טרייסט מיך דער
פאַסטוך — גוטע הינט דאָ אין סטאַדע.

איך האָב אין זינען אַ מזוזה אָדער עפּעס אַ קמיע, וואָס זאָל מיך אָפּהיטן פון מזיקים, און דער שייגעץ טרייסט מיך מיט הינט, וואָס קענען בילן.

דער שגץ האָט מיט די ליפּן אַ פייף געטאָן, און די גאַנצע סטאַדע איז אַ פאַרציטערטע געוואָרן, ווי די ערד וואָלט זיך שפּאַלטן און ארויסלאָזן מחנות הינט פון גיהנם, זיי האָבן פאַר־ויבט די אויערן מיט זייער בילן, און געדאַכט האָט זיך, אַז זיי האַלטן מלחמה מיט די רוחות פון וואַלד און פאַרטרייבן זיי פון דאַנען.

דאָס בילן פון די הינט האָט אַ ביסל פאַרקלענערט מיין שרעק. ווייניקסטנס בין איך כאָטש ניצל געוואָרן פון דער שרעקלעכער שטילקייט, וואָס האָט דאָרטן געהערשט. די קולות פון די הינט האָבן לעבעדיקער געמאַכט די נאַכט און געמאַכט רעדן די שטילקייט. פאַר מיר איז גאַנץ אָנגענעם געווען דאָס בילן פון די הינט, ווייל בכלל האָב איך פאַר הינט קיין מורא נישט געהאַט. אַדרבה, איך אַליין האָב געהאָדעוועט אַ הונט באַהאַלטע־נערהייט, דער טאַטע זאָל פון דעם נישט וויסן; אָבער מיין ברודער שלמה! שטעל דיך פאָר: אַ יידיש יינגל, וואָס האָט מורא פאַר הינט אימת־מות, דאַרף זיך זוכן אַ שוץ אין — דער בילע־ריי פון הונט!

אַזוי זיינען מיר אָפּגעזעסן עטלעכע טעג באַהאַלטן אונטערן אָפענעם הימל, סוף כל סוף אָבער איז געקומען פאַר מיין מאַ־מען די צייט, זי זאָל פאַרשטיין דאָס, וואָס זי האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווען דער רב האָט געהייסן מען זאָל מיך אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער אָנשטאָט אַברהמעלע דעם תכשיט:

ס'האָט גענומען מיין עלטסטן ברודער, שמחה, עליו השלום; דער דאָזיקער ברודער מיינער, אַ הויך דעב, וואָס ער איז געווען אַ באַליבטער שוחט אין שטאָט און אַ למדן מופלג — האָט ער געהאַט נאָך דעם באַזונדערן זכות, וואָס ער איז שוין געווען אַ מאַן פון אַ ווייב און אַ טאַטע פון פיר קינדער. און דעמאָלט, ווייזט אויס, האָבן מיינע עלטערן פאַרשטאַנען, ווי ס'האָט פאַרשטאַנען, דער רב אין זיין צייט, אַז ס'איז נישט קיין יושר, מיין ברודער זאָל אָפּגעגעבן ווערן פאַר אַ זעלנער, און איך דער מזיק, דער פּראָסטער יונג, וואָס שפּילט זיך מיט הינט, זאָל בלייבן אין שטוב.

אין עטלעכע טעג אַרום איז די מאַמע געקומען און האָט אונז גענומען צוריק אַהיים.

דאָס איבעריקע האָבן שוין אַנדערע געטאָן".

דער אַלטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער האָט זיך פאַרמאַטערט קריכנדיק אויפן באַרג און האָט שווער געאָטעמט.

IV

די פור האָט זיך געשלעפּט הינטער אונז און מיר זיינען געשטאַנען און געוואַרט, זי זאָל צוקומען צו אונז. איך האָב דערווייל אַראָפּגעקוקט אין דער נידער און דאָרט איז אַ ים פון ליים מיט בלאָטע. די פירן, וואָס זיינען אונז נאָכגעפאָרן פון הינטן, זינקען אין דעם ים און פון דערווייטנס איז מיר אויסגעקומען, אַז זיי שטייען אויף איין אָרט. די אונטערגייענדע זון צעשיט אויף זיי אַ סך צעבראָכענע פונקען, וואָס באַלייכטן זייער זינקען און באַפאַרבן מיט אַ שיינעם גלאַנץ דעם שטח פון דער בלאָטע אַנטקעגן הימל. פאַר מיר אָבער, שטייענדיק אויפן שפּיץ באַרג, שיקט די זון, ליכטיקע, גלאַנציקע פונקען, וואָס זאָגן נאָך צו אויף אַ שטיק טאָג.

דער אַלטער האָט פרייער אָפּגעעטעמט און ווייטער דער־צײלט:

— מ'האָט מיך אין תפיסה געבראַכט. איך בין דאָרטן נישט אַליין געווען: אַ סך יונגע יינגלעך זיינען דאָרט געווען; אַ טייל האָבן געוויינט, אַ טייל האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערן פאַרוואונדערט. און דערציילט האָט מען אונז, אַז מאָרגן וועט מען אונז אַרויסנעמען און ערגעץ אַוועקפירן.

און נאָך האָט מען אונז דערציילט, אַז דער רב האָט גע־וואָלט צו אונז אַריינגיין, נאָר מ'האָט אים נישט געלאָזט.

אַן ערלעכער, פרומער ייד איז געווען דער דאָזיקער רב, עליו השלום, אַן איש תם, וואָס זשע האָט ער געטאָן? ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ גוי, איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס און איז געגאַנגען זיך שאָקלענדיק, פאַלנדיק פון די פיס, ווי אַ שכורער. האָבן אים אָנגעטראָפן די נאַכט־שומרים, פאַרהאַלטן אים און געפרעגט:

— ווער ביסטו?

האָט דער רב געענטפערט:

— אַ גנב בין איך.

האָבן גענומען די שומרים און אים געבראַכט אין תפיסה.

די גאַנצע נאַכט איז דער רב געשטאַנען און געוויינט און האָט גערעדט צו אונז אין דער פינסטער.

ער האָט אונז דערציילט, אַז ווען יעקבס זין האָבן פאַר־קויפט זייער ברודער, יוסף הצדיק, האָבן זיי עס נישט געטאָן פון זייער גוטן ווילן, נאָר פון הימל האָט מען זיי געבראַכט דערצו, כדי יוסף זאָל קומען אין מצרים און לערנען די מצרים, אַז ס'איז פאַראַן איין גאָט און איין יידיש פאָלק אויף דער וועלט.

ער האָט אונז אויסגעפרווט, צי מיר קאָנען אויסוויינ־ק זאָגן „מודה אני" און „שמע ישראל", און האָט אונז מודיע גע־ווען, אַז מ'וועט אונז אַוועקפירן אין אַ ווייטן וועג, מיר וועלן דאָרטן אָפּזיין אַ סך יאָרן, און ווען מיר וועלן דערוואַקסן ווערן, וועלן מיר זיין זעלנער.

ער האָט אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן נישט עסן קיין טרפות, מיר זאָלן נישט פאַרגעסן גאָטס נאָמען און דאָס פאָלק פון אונזערע אבות, אַפילו ווען מ'וועט אונז דרעשן אונזער לייב.

ער האָט אונז דערציילט מעשיות פון די „עשרה הרוגי מלכות", וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קדוש השם; פון דער מאַמען חנה מיט אירע זיבן זין, וועלכע זיינען געהרגעט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט זיך בוקן צו דער עבודה=זרה, און נאָך אַזעלכע מעשיות. און אונז דערקלערט, אַז די דאָזיקע אַלע קדושים זיצן אין גן=עדן צוזאַמען מיט גאָט=ברוך=הוא און שעפּן נחת פון דער לויטערער שכינה!

אין יענער נאַכט האָב איך געוואַלדיק מקנא געווען די דאָזיקע צדיקים און אין האַרצן געטראַכט: הלוואי זאָל מען מיך אויך צווינגען צו דינען די עבודה=זרה און איך וועל ביישטיין דעם נסיון, וועל איך דאָך נאָך מיין טויט אויך אַזוי פיל פאַרגעניגן האָבן פון דער הייליקער שכינה!

און דער רב האָט אונז אַלץ דערציילט פאַרשיידענע מעשיות, און אָנגעזאָגט פאַרשיידענע זאַכן, און געלויבט אונז אין הימל אַריין אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אָנגעהויבן גלייבן, אַז איך בין אין דער אמתן עפּעס אַ מיוחס ביים רבונו=של=עולם, וועלכער האָט מיך אויסגעוויילט פון אַלע מיינע חברים צו שטעלן מיך פאַר אַ נסיון.

ס'איז געוואָרן טאָג און דער שומר פון תפיסה איז אַריינגעקומען. דאַן האָט זיך דער רב געווענדעט צו אונז און געזאָגט:

— הייליקע יידישע קינדערלעך! מיר וועלן זיך איצט צעשיידן. מיך וועט מען איצט שלאָגן „מלקות" און פאַרזעצן אין תפיסה, דערפאַר, וואָס איך בין אַריינגעגאַנגען צו אייך אָן רשות; און איר וועט אַוועק אין גלות און אויסשטיין שווערע נסיונות, איך וויים נישט, צי איך וועל נאָך זוכה זיין צו דערלעבן ביז איר וועט צוריקקומען; דאָרט אָבער, אויפן עולם האמת, וועלן מיר זיך געוויס באַגעגענען! קינדערלעך מיינע! הלוואי איך זאָל מיך נישט דאַרפן שעמען מיט אייך פאַר דער פמליא של מעלה!

חיין ביבליאטעק
אברהם מייפודעס

די ווערטער זיינען אונז אַריין אין האַרצן — און אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט.

מ׳האָט אונז אָנגעהויבן אַרויפזעצן אויף פירן. אַ סך פון די איינגעעקשנטע קינדער, וועלכע האָבן געפרוווט זיך אַנטקעגן שטעלן און אַנטלויפן, האָט מען געביינדעגערהייט אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן.

אַלע האָבן מיר געשריען. איך האָב נישט געהערט נישט מיין קול און נישט די קולות פון מיינע חברים. אונזערע אַלע קולות האָבן זיך אויסגעמישט אין איין שרעקלעך געשריי, אין איין ביטערן יאָמער.

מענער און ווייבער זיינען אונז נאָכגעגאַנגען. דאָס זיינען געווען טאַטעס מיט מאַמעס. מסתמא האָבן זיי אויך געוויינט, נאָר מיר האָבן זייער קול נישט געהערט. די שטאָט, דאָס פעלד, דער הימל און די ערד האָבן אויף אונז געוויינט.

איך האָב דערזען מיינע עלטערן — און מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט אַ מין שנאה צו זיי, ווייל איך האָב געפילט דעם „בייט״, וואָס זיי האָבן מיט מיר געמאַכט. מיין מאַמע איז צווישן אַנדערע מאַמעס צוגעגאַנגען נעענטער צום וואָגן, האָט מיך אָנגעקוקט און, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זי פאַרשטאַנען, וואָס איך טראַכט וועגן איר.

איז זי אומגעפאַלן אויף דר׳ערד און גענומען חלשן.

איר חלשן האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער פור האָט זיך דערווייטערט פון דער לויה. אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער מאַמען, אָפּצומינטערן זי, און מיין האַרץ איז געווען פול מיט כעס, רחמנות און ציטערניש צוזאַמען.

און אָט אַזוי, פול מיט כעס, רחמנות און ציטערניש, בין איך אַוועק פון מיינע עלטערן.

מיר האָבן אַזוי לאַנג געוויינט ביז מיר זיינען מיד געוואָרן און שטום געבליבן.

אין וועג האָבן זיך דערטראָגן צו אונז פון הינטן נייע יאָמער-געשרייען, ענלעך צו די געווינען פון קינדער. מיר האָבן משער געווען, אַז דאָס איז נאָך אַ וואָגן מיט געכאַפּטע קינדער פון אַן אַנדער שטאָט, און האָבן פון ס׳ניי אָנגעהויבן וויינען.

באַלד אָבער האָבן מיר איינגעזען אונזער טעות: דאָס איז גאָר געווען אַ וואָגן מיט שעפסן, וואָס מען האָט געקויפט און געפירט צו דער שחיטה.

יענעם גאַנצן טאָג האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעהויבן עסן, כאָטש די מאַמעס האָבן אונז פאַרזאָרגט און צוגעבראַכט עסן צום וואָגן.

די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען — ס'איז געוואָרן נאַכט. די איינגעעקשנטע קינדער, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן וואָגן געבינדענערהייט — האָט דער „פירער" אויפגעבונדן, ער איז שוין איצט זיכער געווען, אַז זיי וועלן נישט אַנטלויפן.

מיר זיינען אַנטדרימלט געוואָרן, נאָר אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער פון אונזער עולם אויפגעכאַפּט מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער, — פריער ווייך און שטיל און דערנאָך מיט קולי-קולות. נאָך איידער דער האָט געענדיקט, האָט שוין אָנגעהויבן דער אַנדערער, דער דריטער, דער פערטער און ווידער האָבן זיך אונזערע קולות צוזאַמענגעגאָסן אין איין שרעקלעכן יאָמער. די נאַכט איז דערציטערט געוואָרן. אפילו דער „פירער" האָט נישט געקאָנט בײַשטיין אונזערע געוויינערייען, און האָט זיך געוואָרפן אויף אונז מיט געשרייען און מיט דער בייטש.

דער טאָג איז אויפגעגאַנגען און אונז וואַכנדיק געטראָפן. אַלע זיינען מיר געזעסן און געוואַרט אויף דעם פרימאָרגן: מיר האָבן געגלויבט, אַז ער וועט אונז אויסלייזן, אַז מלאכים פון הימל וועלן אַראָפּנידערן, אַזוי ווי זיי האָבן אַראָפּגענידערט צו יעקב אָבינו, און וועלן פאַר אונז אין די אויגן זיך נוקם זיין אָן אונזער „פירער" און אונז באַפרייען פון זיינע הענט. נאָר ווען די זון איז אַרויס, האָט זי אָנגעבראַכט אויף אונז דעם הונגער, און פון יענער מינוט אָן האָט יעדער איינציקער פון אונז אָנגעהויבן צו זיפצן פאַר זיך. אונזער געוויין האָט זיך שוין איצט נישט צוזאַמענגעגאָסן, דאָס איז דער כח פון הונגער. און ווען דער „פירער" האָט אונז אויסגעשיילט אונזערע פאַרציעס, האָבן מיר געגעסן מיט אַפּעטיט און זיינען זאַט געוואָרן; און דאָן

האָבן מיר ערשט אָנגעהויבן פילן די ענגשאַפט, וואָס מיר מאַכן זיך אָן איינער דעם אַנדערן, זיצנדיק צוזאַמענגעפרעסט אין וואָגן. איך האָב אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף מיין שכן, וואָס איז געזעסן מיר אויף די פיס; יענער ווידער האָט זיך געקלאָגט אויף מיר דערפאַר, וואָס איך שטויס אים מיטן אַקסל, און אַלע האָבן מיר זיך געוווּנדערט מיט אונזערע בליקן צום „פירער". דאָס איז געווען אַ שטומע בקשה צו אים: „ראַטעווע מיך פון מיין ברודער!"

איך קוק מיך אום אויף הינטן, ערשט איך זע מיין הונט לויפט נאָך נאָכן וואָגן.

— ווי צו דיר, נאַרישער בילער! — האָב איך מיט אַ ווייטאָק און האַרצן געשמייכלט צו אים: — דו מיינסט, אַז מ'פירט מיך דאָ אויף אַ סעודה? אין גלות פירט מען מיך — און דו שלעפסט זיך נאָך מיר?! —"

אַ קינדערשער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם געזיכט פונם אַלטן שמש — אַט, ווי דאָס וואָלט איצט ערשט פאַרגעקומען.

דערווייל איז אונזער פור צוגעקומען צום שפיץ-באַרג. האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין וואָגן.

דער אַלטער האָט איין בליק געוואָרפן אויף זיין זון, וואָס איז געזעסן אים אַנטקעגן, אַ בליק פול מיט ווייכקייט און מיטלייד, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון אונטער לאַנגע פאַרפלאָנטערטע ברעמען. שיין האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער מילדער בליק אויף דעם האַרטן געזיכט: דאָס האָט אַ טאַטע אַ קפדן געקוקט מיט אויגן פון אַ מילדער מאַמען.

ער האָט זיך צערעכט געמאַכט זיין געזעס, האָט זיך געמאַכט באַקוועם און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„ — איך וועל נישט ריידן וועגן אַלע די טעג, וואָס זיינען פאַרבייגעלאָפן ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ באַשטימט אָרט,— האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבן — געפאָרן... גערוט... און ווידער געפאָרן... צו־פוס געגאַנגען מיט געשוואָלענע פיס — דאָס אַלץ געהערט נישט צום ענין. אַמאָל פלעגט דער „פירער" ווערן אויף אונז מלא חמה; דאַן פלעגט ער אונז שעלטן און חרמען און שלאָגן מיט דער בייטש, שרייענדיק דערביי: „פאַרשאָלטענע זשידעס! וואָס בין איך שולדיק, פאַרוואָס דאַרף איך מיך אָנזשידעס געליידן פון אייך אַזוי פיל?" אַ ביסל איז ער טאַקע געווען גערעכט. וועלנדיק אָדער נישט וועלנדיק — צרות האָבן מיר דאָך אים פאַרשאַפט. ער האָט דאָך געדאַרפט פירן האַלב־שטומע בי־קינדער און די אַלע ענוים פון וועג, צוהערן שטענדיק דאָס טערע געוויין פון קליינע קינדער, וואָס זיינען אַרויסגעריסן פון די אָרעמס פון זייערע עלטערן. דו מיינסט, ס'איז אַזאַ לייכטע זאַך צו זיין שטענדיק אַ זינדיקער און אַן אַכזר פאַר קליינע קינדער! — ווען איך בין עלטער געוואָרן און מיר איז אויסגעקומען אויף „סלוזשבע" אַכטונג צו געבן אויף קלענערע און נידעריקערע פון מיר, האָב איך געפילט דעם צער פון אונזער אַמאָליקן „פירער".

איצט, ווען איך האָב שוין אַ סך דורכגעלעבט, ווען איך בין שוין געווען, ווי מ'זאָגט, „אין פייער און אין וואַסער", מוז איך מודה זיין, אַז איך טראָג נישט אין האַרצן קיין שנאה צו יענע אַלע, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען פון זיי. פאַראַן אַ סך פון די „געכאַפטע", וואָס קלאָגן זיך למשל אויף די „ריטער". דאָס איז אמת: פאַר יעדער קלייניקייט, פאַר יעדן נישטפאָלגן, סיי דו האָסט נישט געוואָלט בעטן פאַרן צלם, סיי דו האָסט נישט געוואָלט עסן „חזיר", סיי מ'האָט דיך געטראָפן זאָגנדיק אַ יידישע תפלה אָדער רעדנדיק אויף יידיש — פלעגט מען דיך

שמייסן מיט די דאָזיקע ריטער: צוואַנציק שמיץ... דרייסיק... פערציק... און אַמאָל פלעגסטו טאַקע אַריינכאַפּן די גאַנצע פופציק. אָבער באַרעכן דיך אַליין: זיי האָבן דען געקאָנט מיט אונז זיך אַנדערש באַגיין? מ׳גיט איבער הונדערטער יידישע קינדער, וואָס קאָנען אַפילו אַ וואָרט רוסיש נישט אויסרעדן, אין די הענט פון אַ רוסישן „טשינאָווניק“, וואָס פאַרשטייט נישט אַפילו אַ האַלבן יידישן וואָרט. דער זאָגט אים „זיץ“ און יענער שטעלט זיך אויף, דער זאָגט אים: „צי מיר אַראָב די שטיוול“! און יענער גייט זיך אָפּוואַשן די הענט. ווי בהמות, ווי שעפּסן זיינען מיר געווען! נאָר די ריטער האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען, די ריטער האָבן אונז אויסגעלערנט פאַרשטיין דעם באַפעל פון אונזערע הערשער אויפן ווונק.

דאָס זעלבע ווידער קלאָגן זיך אַ סך פון די געוועזענע געכאַפּטע קאַנטאָניסטן אויף דער שרעקלעכער באָד, וואָס מ׳פלעגט זי רופן „גיהנם“. אין פלוג איז דאָס טאַקע געווען אַ שרעקלעכע זאַך: מ׳האָט אויסגעקליבן יענע געכאַפּטע קינדער, וואָס האָבן געהאַט אויפן לייב עפּעס אַ ליאַדע ריץ אָדער געשווירל, האָט מען זיי אויסגעשמירט מיט סמאָלע און אַרויפגעפירט אויף דער אויבערשטער באַנק פון באָד, און אונטן אַוועקגעשטעלט — אַ שורה סאָלדאַטן מיט ריטער אין די הענט. דער קעסל קאָכט, די שטיינער גליען, דער בעדער שעפּט אָן עמערס קאָכעדיקע וואַסער און גיסט אויף די שטיינער אָן אַן אויפהער. די היץ ווערט שטאַרקער, זעצט אַרויף אין דער הויך, דרינגט אַרונטער אונטערן לייב און שטעכט, שטעכט און ברענט. שרעקלעך איז דער ווייטאָק. עס בריט... עס ברענט... עס פאַרשטיקט דעם אָטעם... וואָס — דו ווילסט זיך אַראָפּקוילערן אונטן? מיט ריטער וועט מען דיך צוריק אַרויפיאָגן!

דאָס אַלץ איז טאַקע אמת; אָבער פון אַכזריות האָבן זיי עס דען געטאָן? די זאַך איז גאַנץ פשוט: מיר זיינען יידישע קינדער געווען; פון דער מאַמעס הענט האָט מען אונז צוגענומען; מיר זיינען געוויינט געווען, די מאַמע זאָל אונז יעדן פרייטאָק אַרומוואַשן, ריין מאַכן, אויסצוואָגן, איבערטאָן זיך אין ריינע-

וועש און שבתדיקע מלבושים. און פלוצלינג האָט מען אונז פאַר־טריבן! טעג, וואָכן, חדשים גאַנצע האָבן מיר זיך אַרומגעוואַל־גערט אינם שטויב פון וועג, בלאָטע און זייגען געשלאָפן ערגעץ אויף דר'ערד; קיין וועש האָבן מיר נישט איבערגעטאָן, קיין שפריץ וואַסער איז אויף אונזער לייב נישט געקומען, זייגען מיר קרעציק געוואָרן און האָבן געמוזט דורכגיין יענעם „גיהנם".

פון דעם קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן דאָס איבעריקע.

בקצור וועל איך אייך דערציילן:

אַ סך פון אונז האָט מען צעשיקט אין פאַרשיידענע ער־טער; אַ סך זייגען קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין וועג; אַ סך זייגען איינגעטיילט געוואָרן אין די דערפער צווישן די פויערן, וואָס זאָלן זיי אויסהאָדעווען ביז זיי וועלן טויגן צום „דינסט". איך בין געווען פון די לעצטע. נאָך אַ סך וואגלענישן און גלגולים פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, — איך ווייס אַליין נישט, וויפיל חדשים און אפשר יאָרן זיי האָבן זיך געצויגן, — בין איך איבערגעגעבן געוואָרן אינם דאָרף ג. צו פיאָטר סעמיאָנאָוויץ כלאָפּאָוו און זיין ווייב אַננאַ פעטראָוונאַ.

דער דאָזיקער פיאָטר איז געווען אַ גוי נישט קיין אַלטער און נישט קיין יונגער, נישט קיין פּראָסטער פויער און נישט קיין חשובער פריץ. ער איז געווען אַ שרייבער אין דער קאַנ־צעלאַריע פון דאָרף. אין יענע צייטן איז דאָס געווען אַ ריינע און לייכטע מלאכה, וואָס האָט געגעבן חיונה בכבוד.

קיין זין האָט ער נישט געהאַט, נאָר איין איינציקע טאָכ־טער — מאַריוסע האָט זי געהייסן, אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן, אָדער פערצן, אַ שיינע, אַ פריילעכע און אַ ווילדע.

מיר, די קאַנטאָניסטן פון די דערפער, האָבן יעדן טאָג געדאַרפט זיך צוזאַמענקלייבן פאַר דער שטוב פון אונזער אָפי־ציר, וואָס האָט בעוווינט אין דעם דאָרף, און אונז געגרייט צו דער „סלוזשבע". נאָר איך בין פטור געווען דערפון צוליב דער בקשה פון מיין באַשיצער, כלאָפּאָוו, וועלכער האָט געהאַפט צו געפינען אין מיר אַ העלפער ביי דער אַרבעט אין פעלד און

אין שטוב. פֿון דעסטוועגן האָב איך געמוזט קומען אויפֿן פּלאַץ צוזאַמען מיט אַלע כאָטש איינמאָל אין וואָך.

זכות אבות זײַנען מיר בײַגעשטאַנען, וואָס איך בין אַרײַנ־געפֿאַלן צו די כלאָפּאָווס. פּיאָטר פֿלעגט זײַן אין דערהיים גאַנץ ווייניק. דעם גרעסטן טייל טאָג פֿלעגט ער זיצן בײַ זײַן אַרבעט אין קאַנצעלאַריע, און די איבעריקע צײַט — אין שענק פֿון דעם איינציקן ייד, וואָס האָט געוווינט אין דאָ־ף, פֿון „אונזער משהקע" — אַזוי פֿלעגן אים די כלאָפּאָווס רופֿן. די עטלעכע שעה, וואָס ער פֿלעגט זײַן אין שטוב פֿלעגט ער מיט מיר פֿאַר־ברענגען, און בכלל האָט ער אַרויסגעוויזן צו מיר אַ סך פֿרײַנט־לעכקייט. באַזונדערס פֿלעגט ער עס טאָן דעמאָלט, ווען ער פֿלעגט קומען פֿון שענק אַ ביסל מבושמדיק; אפֿשר איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס ער האָט קיין זכרים נישט געהאַט, און ער האָט געטראַכט צו מאַכן מיך פֿאַר אַ זון. ער פֿלעגט מיר ליב מאַכן די „סלוזשבע": „אַז דו וועסט אויסוואַקסן — פֿלעגט ער מיר זאָגן — וועסטו ווערן אַן אָפֿיציר; און אפֿשר נאָך גרעסער ווי אַן אָפֿיציר. אַ שווערד וועסטו טראָגן; סאָלדאַטן וועלן פֿאַר דיר שטיין גלײַך, נועלן דיר „טשעסט" אָפּגעבן. דו וועסט ווײַזן מלחמה־גבורות און זוכה זײַן צו שטיין פֿאַרן קיסר".

און מעשיות האָט ער מיר דערציילט, מעשיות פֿון מלחמות, דערציילט אויף רוסיש, וואָס איך האָב שוין אָנגעהויבן אַ ביסל צו פֿאַרשטיין. דידאָזיקע מעשיות האָבן מיר אויסגעזען שיין אויף וויפֿיל איך האָב זיי פֿאַרשטאַנען, און נאָך מער — אויף וויפֿיל איך האָב זיי נישט פֿאַרשטאַנען.

בקיצור: ער איז געווען צו מיר זייער פֿרײַנטלעך.

זײַן ווײַב אַננאַ איז געווען גאָר אַן אַנדערע; געווען אַ שווייגערן און אַ פּרוי אַ מרשעת: זי איז שטענדיק אין שטוב געזעסן. קיינמאָל נישט אַרײַנגעגאַנגען צו אירע שכנות און די שכנות פֿלעגן צו איר אויך גאַנץ זעלטן אַרײַנקומען. אין דאָרף האָט מען געמורמלט אויף איר, אַז זי האַלט זיך גרויס און איז אַ צבועיאַטשקע. ניכטערנערהייט האָט פּיאָטר געציטערט פֿאַר איר, ווי פֿאַר אַ קליפּה. די גאַנצע קראַפֿט איז איר געלעגן אין

די אויגן: פלעגט זי אַ וואָרף טאָן אַ בליק אויף אָט דעם העלד, וואָס האָט אַן אַ גבול געהערשט איבער דעם גאַנצן דאָרף, — אַזוי פלעגט ער גלייך ווערן אַ שוואַך, שטיל טייבעלע. ס'האָט זיך געדאַכט: אָט נאָך אַ רגע — און פון די אויגן וועט אַרויסשפרינגען עפּעס אַ רוח און וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין שטוב. ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע אויגן, וואָס אַז דו קוקסט אויף זיי, זיינען זיי גאָרנישט: נאָר אַז דו דערצערנסט זיי, שפּריצט פון זיי אַרויס אַ העליש פייער.

און אָט די אַננאַ האָט געוואָרפן אויף מיר אַ שלעכט אויג. קיינמאָל האָט זי מיך נישט גערופן מיטן נאָמען. „זשידיאָנאָק" — האָט זי מיך כסדר גערופן, און דער נאָמען „זשידיאָנאָק" פלעגט זי אַראָפּקייקלען פון אירע ליפּן עפּעס גאָר אויף אַ באַזונדער אופן, — מיט אַן אָפּענעם שמייכל און אַ באַהאַלטענער שנאה.

צווישן די געבאָטן, וואָס מיר האָבן געהאַט צו היטן, האָבן זיך געפונען אויך די דאָזיקע: „נישט ריידן קיין יידיש, נישט זאָגן קיין יידישע תפילות, בעטן אַלע טאָג פאַרן בילד פון דער הייליקער מוטער און פאַרן צלם, און זיך נישט היטן פון עסן טרפות".

די ערשטע געבאָטן האָט אַננאַ אַכטונג געגעבן, איך זאָל זיי פּינקטלעך מקיים זיין; נאָר בנוגע צום לעצטן האָט זי זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. זי האָט מיך געשפּייזט אין קיך מיט ברויט און קערנער, פּשוט, פאַר קאַרגשאַפט. אַמאָל האָט געטראָפן, אַז זי האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פלייש און איך האָב נישט געוואָלט עסן. האָט זי אויסגעגאָסן אויף מיר איר גאַנצן כעס און געוואָלט גיין זיך קלאָגן אויף מיר פאַרן אָפיציר, נאָר פיאָטר האָט איר אָפּגעהאַלטן פון דער אכזריות, האָט אויף מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: „ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער קליגער ווערן".

פון דאַמאָלס אָן האָט זי אָנגעהויבן כסדר מיר צו דערלאַנגען פליישיקע מאכלים — און אַזוי ווי איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס און נישט געגעסן, האָט זי מיך ווידער געוואָלט פאַרמסרן פאַר דער אַדמיניסטראַציע. גראָד איז יענער צייט גע-

כאַפּט געוואָרן בײַ דעם חטא אַן אַנדער קאַנטאָניסט פון דעם דאָרף, וואָס איך האָב אים ביז אַהער נישט געקענט — יעקב האָט ער געהייסן. זיין באַשיצער האָט זיך געקלאָגט אויף אים, אַז ער דאַוונט אויף יידיש און וויל קיין פלייש נישט עסן. איז אַרויס אויף אים דער גזר, צו קריגן צוואַנציק שמיץ, און אויף אַלע קאַנטאָניסטן האָט מען גוזר געווען, זיי זאָלן שטיין בײַ דער עקזעקוציע פון דעם דאָזיקן פאַרברעכער.

שפּעטער זיינען מיר שוין צוגעוווינט געווען צו אַזעלכע מעשיות; דאָס ערשטע מאָל אָבער האָט דאָס אונז אויסגעזען שרעקלעך. שטעל דיך פאָר: אַ ייִנגל פון פופצן יאָר. מ'טוט אים אויס נאַקעט, מ'לייגט אים אַוועק מיטן פּנים אַראָפּ, איינער זעצט זיך אים אויף די פיס, איינער אויפן קאַרק, צוויי שטייען איבער אים איינער אַנטקעגן אַנדערן און האַלטן אין די הענט ריטער. צען מאָל דאַרפן זיי אויפהויבן און אַראָפּלאָזן אויף אים די ריטער, כדי עס זאָל צוזאַמען זיין צוואַנציק.

איך האָב געקוקט אויפן פּנים פונם ליגנדן און געזען, אַז עס איז ווייס, ווי קאַלך. מיט די ליפּן האָט ער געשעפּטשעט עפּעס אַ לחש; אפשר האָט ער געזאָגט „והוא רחום".

ס'זיינען אויפגעהויבן געוואָרן די ריטער... אַ שרעקלעך געשריי... בלוט... שטיקלעך הויט... געשרייען, מ'ציילט: איינס, צוויי, דריי... אַ געשריי... אַ פּלוצלינגע שטילקייט... ווידער אַ געשריי, ווידער שטיל... פיר, פינף... שטיי!

דער אויפזעער האָט צעטיילט די שטראָף אויף צוויי מאָל, ווייל דער געשמיסענער האָט געחלשט, מ'האָט אַוועקגעטראָגן יעקבן פון פּלאַץ אין שפּיטאָל. ס'איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז ער דאַרף קריגן נאָך צען שמיץ, נאָכדעם ווי ער וועט געזונט ווערן.

ווען אַנגאַ וואָלט מיר געבן אין יענעם אָוונט חזיר־פלייש צו עסן, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן. בײַנאַכט האָב איך געזען דעם אַלטן רבּ אין חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטייט פאַר מיר מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און טרערן גיסן זיך פון די אויגן.

איך געדענק שוין נישט, ווי מאַריוסע האָט זיך די ער־שטע צייט באַצויגן צו מיר. איך געדענק נאָר דעם בליק, וואָס זי האָט געוואָרפן אויף מיר ביי מיין ערשטן אַריינקומען צו זיי אין שטוב. דאָס איז געווען אַ פריילעכער, ווילדער און רעדעוו־דיקער בליק; אַ בליק, וואָס מ׳קאָן אים מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי האָט געוואָלט מיר זאָגן: „ברוך הבא! גוט האָסטו געטאָן, וואָס דו ביסט געקומען! איך דאַרף דיך טאַקע האָבן, איך האָב נישט מיט וועמען צו פאַרברענגען די פרייע צייט".

זי האָט טאַקע געדאַרפט האָבן אַזאַ קינד, ווי איך, ווייל מיט די קינדער פון דאָרף האָט זי זיך נישט געחברט. דאָס דאָ־זיקע שיינע, פריילעכע מיידל — פלעגט אָפט אַריינפאַלן אין אַ „מרה־שחורה", אַז ס׳האָט געריסן ביים האַרצן קוקנדיק אויף איר. בשום אופן האָט די מאַמע אירע נישט געקאָנט דאַמאָלס אַרויסרייסן פון איר מויל אַפילו איין וואָרט. איך האָב מיך דאַן גוט איינגעקוקט אין איר פנים און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע. צופיל איז איר פנים דאַמאָלס ענלעך געווען צום פנים פון איר מאַמען, אויף איר געזיכט האָט זיך דאַמאָלס אויסגעגאָסן עפעס אַזאַ זאַך, וואָס האָט זי אַנ־דערש געמאַכט פון אַלע מענטשן, און דעריבער אפשר אויך מיך דערנענטערט צו איר.

איך האָב געדאַרפט אין אַזעלכע מינוטן נאָר אויפשטיין און אַרויסגיין — און איך בין שוין זיכער געווען, אַז זי וועט אויך אַרויסקומען און פאַרברענגען מיט מיר עטלעכע שעה אין קינדערשע שמועסן. אַזוי בין איך ביסלעכווייז איינגעוווינט גע־וואָרן מיט איר און עס האָט מיך אָנגעהויבן ציען צו איר אין די שווערע מינוטן פון בענקשאַפט און איינזאַמקייט.

צומאָרגנס, נאָכדעם, ווי איך האָב צוגעזען די עקזעקוציע איבער יעקבן, איז אויף מיר אָנגעפאַלן עפעס אַ רוח שגעון, איך האָב מיר קיין אָרט נישט געפונען. איך האָב געמיינט, אַז דאָס האַרץ וועט מיר צעפּלאַצט. שאלות זיינען מיר געבוירן געוואָרן

אין קאָפּ: „וואָס טו איך דאָ? צו וואָס בין איך אַהער געקומען? וואָס זיינען פאַר מיר אָט די אַלע באַשעפענישן?" — פּונקט, ווי איך וואָלט ערשט נעכטן אַהער געקומען און מיטן אייגענעם ווילן.

מאַריוסיע האָט מיך אָנגעקוקט. איך ווייס נישט: אפשר האָט זי דערקענט דעם טרויער ביי מיר אויפן פּנים. מיר האָט זיך פאַרוואָלט אויסגיסן פאַר איר דאָס האַרץ, און איך בין אַרויס־געגאַנגען אין גאָרטן הינטער דער שטוב. גלייך איז זי מיר נאָכגעקומען. איך האָב פאַר איר געעפנט מיין האַרץ און האָב איר דערציילט, וואָס איך האָב נעכטן צוגעזען. זי האָט געהערט און איז אַ פאַרציטערטע געוואָרן.

— פאַרוואָס האָט מען אים געשמיסן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול.

— ווייל ער האָט געדאַוונט אויף יידיש און נישט געוואָלט עסן קיין פליישׁ.

— און פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט עסן?

— מ'טאָר נישט.

— מ'טאָר נישט? ? פאַרוואָס?

איך האָב געשוויגן.

זי האָט אויך געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַרויפגעלייגט אויף מיר די האַנט, און מיט איר געוויינלעכער פריילעכקייט געזאָגט:

— דיך וועט מען נישט שמייסן.

— פון וואַנען ווייסטו?

— דער אָפיציר איז אונזערער אַ גוטער באַקאַנטער.

— און אויב דיין מאַמע וועט מיך פאַרמסרן?

— אויב מ'וועט דיך פאַרמשפּטן צום שמייסן, וועל איך גיין אויף דיין אָרט.

און ביי די ווערטער האָט זי זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט. דאָס געלעכטער האָט געווירקט אויף מיר אויך. מיר האָבן ביידע געלאַכט, נישט וויסנדיק פון וואָס.

איך בין אַריין אין שטוב אַן אַנדערער מענטש. פון דאַמאָלט אָן האָב איך מיך געפילט זייער נאָענט צו דעם מיידל.

איינמאָל — איך געדענק נישט, אין וועלכער צייט : דער חשבון פון צייט אין יענע טעג איז אינגאַנצן אויסגעמעקט געוואָרן פון מיין זכרון — נאָר דאָס געדענק איך, אַז איך האָב שוין געקאָנט דאַמאָלס אויף אַזוי פיל ריידן רוסיש, אַז מען זאָל מיך פאַרשטיין, אַז איך בין שוין פעיק געווען צו אַ סך אַרבעטן אין שטוב און אין פעלד, און האָב שוין געקאָנט מיין באַשיצער צופרידן שטעלן. אין יענעם טאָג האָב איך זיך באַמיט, צו טאָן אַלץ נאָך זיין פאַרלאַנג.

אַנגאַ איז אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען פונקט ווי זי וואָלט מיך גאָרנישט באַמערקט. איך בין געזעסן אויפן שוועלן, אָון מיין הונט ליגט ביי מיינע פיס, קוקט אויף מיר מיט אויגן — דאַכט מיר, אַז טרערן האָבן זיך פון זיי געגאָסן. דער גורל פון מיין הונט איז געווען גאָר אַן אַנדערער. אין אָנהויב, גלייך ווי ער איז אַריינגעקומען אין פיאָטרס הויף, זיינען אויף אים אָנגעפאַלן די היימישע הינט און אים געוואָלט צעפּרייסן אויף שטיקער. איז ער אַריינגעלאָפן זיך באַהאַלטן אין קיך — האָט מען אים פון דאָרטן מיט שטעקנס פאַרטריבן : „פון וואַנען האָט ער זיך דאָ גענומען ?" — האָט מען זיך געוווּנדערט. האָט מיין בילער געזען, אַז ער האָט נישט דערוויייל אויף וועמען צו האָפן — האָט ער פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיינע ציין גענומען מלחמה האַלטן מיט די הינט פון הויף, און זיי צעבלוטיקט. דאַן האָבן מיינע בעלי־בתים דערזען זיינע הינטישע פעיקייטן און פאַרשטאַנען, אז ער קאָן זיי צונוץ קומען. האָבן אים מקרב געווען און געגעבן עסן.

אָבער מיט זיין באַזונדערן חוש האָט דער הונט געפילט, אַז איך, זיין גלות־חבר, בין עלנט מער פון אַלע יינגלעך און דעריבער האָט ער נישט געגלויבט זייער שטאַרק אויף אין זיינע רויקע טעג. שטענדיק, ווען איך בין געזעסן עלנט און פאַרוונקען אין אומעט, פלעגט ער זיך אויסציען פאַר מיר און אַריינקוקן מיר אין די אויגן מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק. דאַכט מיר, אַז ער האָט מיך געוואָלט פרעגן :

— פאַרוואָס? פאַרוואָס ווערסטו דאָ אויך נישט אַזאַ תּושב, ווי איך?

אַננאַ איז ווידער אַרויסגעגאַנגען און אַ וואָרף געטאָן אויף מיר אַ בליק:

— פוילער זשידעק! ער זיצט זיך לײדיק און דו גיי אַרבעט, גרייט אים אָן צום פרעסן, און ער וועט קומען צום גרייטן.

איך בין אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָב אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן, כדי צו געפינען זיך עפּעס אַן אַרבעט.

גיי כאַפּ דאָס קליינע חזירל און ברענג עס אַהער — האָט זי מיר באַפוילן.

די אַרבעט האָט מיר גאָר נישט געשמעקט; איך האָב נאָך נעכטן געהערט אַננאַן רעדן וועגן דעם, אַז מ'דאַרף קוילען דאָס קליינע חזירל, און איך האָב אויף דעם רחמנות געהאַט: אמת טאַקע אַ חזיר, אָבער ס'איז דאָך פּאָרט אויפגעהאָדעוועט געוואָרן פאַר מיינע אויגן.

מיר איז שווער געווען צו ווערן אַ שותּף צו דער דאָזיקער אַרבעט; ס'איז אָבער געגוג געווען איין געשריי פון אַננאַס מויל — און מיין האַנט איז שוין געלעגן אויף דעם קליין באַשעפעניש, וואָס איז געווען צוגעוווינט צו מיר און האָט געהאַט צו מיר צוטרוי. אַננאַ האָט מיר געגעבן אַ שטריק אים צו בינדן און איך האָב איר געפאָלגט. דאָס קליינע באַשעפעניש האָט שרעקלעך געשריגן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס שרייט: „זשידעק! מיר טוסטו עס אַזוי?!"—

אַננאַ האָט מיר געגעבן אַ מעסער אין האַנט, האָט מיר אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ צו שניידן... דאָס חזירל האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט און אָנגעהויבן כאָרכלען מיטן האַלז.

אַננאַ האָט געהייסן ברענגען האָלץ, אָנלייגן אַ פייער און אַרויפלייגן אויף דעם דאָס חזירל. איך האָב אַלץ געפאָלגט.

מיין הונט זעט, קוקט אויף מיר און וווּנדערט זיך. און דאָס חזירל כאָרכלט מיטן האַלז... און דאָס פייער פלאַמט אויף און טמאַליעט עס אַרום — דער הונט פאַררייסט דעם קאָפּ און בילט.

ביינאַכט האָט זיך מיר געדאַכט אין חלום, אַז איך און מיין ברודער דער שוחט שטייען אויפן הימל פאַרן מדת־הדין, און פאַרשיידענע באַשעפענישן שטייען און קלאָגן זיך אויף אונז; נאָר אויף אים קלאָגן זיך גענז, טויבן און נאָך כשרע עופות, און אויף מיר כאָרכלט אַ חזיר מיט אַזעלכע כריקערייען און געשרייען.

אויף צומאָרגנס איז אַננאַ אויפגעשטאַנען פרי, האָט מיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער „הייליקער מוטער" און פאַרגעזאָגט מיר „איר ברכה"; און צו מיטאָג האָט זי מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש נעבן פּיאָטרן, האָט מיר דערלאַנגט אַ געבראָטן שטיקל חזיר און פון דעם די אויגן נישט אַראָפּגענומען.

איך גלויב, אַז די אַלע הכנות האָט זי געמאַכט נאָר, כּדי מיך צו בּרענגען דערצו. איך האָב געזען, אַז זי וויל אָנרייצן אויף מיר דעם מבושמדיקן פּיאָטרן, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר דעם און אָנגעהויבן עסן. איך קיי, און הער דאָס כריקען פון אַ חזיר... פון זיך אַרויס הער איך דעם קול... און וווּנדער זיך אויף די דערבייאיקע מענטשן. וועלכע הערן נישט דאָס כריקען און קייען רויק... עפּעס אַ שטיק האָט זיך מיר אָוועק־געשטעלט אין האַלז... עס שטיקט... עס עקלט... צום ברעכן... און דאָ האָט מיט מיר געטראָפן אַ מאוסע מעשה: איך האָב פאַרשמוצט דעם גאַנצן טיש... אַלע האָבן זיך אַ רוק געטאָן אויף הינטן מיט כּעס און עקל. איך האָב באַגעגנט מאַריוסעס אויגן און זיך געשעמט צו קוקן אין זיי. אַננאַ איז אויפגעשפּרונגען פון טיש אַ צעקאָכטע פון כּעס, האָט מיך אָנגענומען פאַר די אויערן און אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

— וואָן אַרויס, זשיד פאַרשמוצטער! זאָלסט נישט וואַגן מער אין שטוב אַריינצוקומען!

זי האָט מיך אַרויסגעטריבן. פּיאָטר און מאַריוסע האָבן געשוויגן.

אַ באַליידיקטער האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויפן שוועל הינטערן שטוב, מיין הונט ליגט אויסגעצויגן פאַר מיר און קוקט מיך אָן. איך האָב אָנגעהויבן טענהן צו מיין עלנטן חבר: „דו זעסט, הונט! מ׳טרייבט אונז אַרויס! פּונקט ווי מיר זיינען דאָ אַליין געקומען מיטן אייגענעם ווילן; מ׳האָט דאָך אונז געבראַכט אַהער איבער געוואַלט — טאָ וואָס טרייבט מען אונז איצט?“ —

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער הונט פאַרשטייט מיינע טענות, לאָזט אַרויס פון האַלז אַ פאַרשטיקטן ברום און שלינגט אים איין.

און אַ געדאַנק איז מיר אריין אין קאָפּ ווי מיט געוואַלט: „אפשר איז אין דער אמתן פאַר מיר געקומען צייט צו אַנטלויפן? אויב מ׳וועט מיך נאָכיאָגן און כאַפּן, וועל איך זיך פאַרענטפערן און זאָגן, אַז מיין באַשיצער האָט מיך אַרויסגעטריבן פון שטוב. דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, ווי אַ קליפּה: „אַהיים! צו די עלטערן!“ עס האָט מיר געלעכערט אין האַרצן: „אויב מ׳האָט דיך אַרויסגעטריבן, ביסטו דאָך פריי!“ — אָבער גרויס איז די קראַפט פון רוט: איך האָב באַשטימט געוווסט, אַז ביז וואַנען מיין באַשיצער וועט זיך דערוויסן, ביז ער וועט געבן צו וויסן דעם אָפיציר און ביז יענער וועט שיקן יאָגן נאָך מיר, וועל איך שוין זיין ווייט פון דאָרף. מיינע חושים זיינען שוין געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט, אַז איך האָב שוין נישט מורא געהאַט זיך צו באַהאַלטן אין וועלדער; פאַר קלפּות און שדים האָב איך שוין אויך קיין מורא נישט געהאַט, פונדעסטוועגן, ווען איך האָב מיך דערמאָנט אָן דער רוט, וואָס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן נאַקעטן לייב; אָן די בלוט־שפּריצן; אָן די שטיקער הויט, און די געשרייען, וואָס העלפן נישט — איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ פחד, מיין! דאָס איז נישט געווען קיין פחד. דאָס איז געווען אַ מין הכנעה, אַ מין אונטערטעניקייט. ווען אַ רוט וואָלט ליגן נעבן מיר אין דער מינוט, וואָלט איך זי געקושט פון מורא מיט

איז שווער דאָס איך איבערצוגעבן: איר, יונגוואַרג, קאָנט עס נישט פאַרשטיין.

בין איך אַזוי געזעסן פאַרזונקען אין טרויער און כּעס, און האָב גאָרנישט געפילט, ווי די זון איז דערווייל אונטערגעגאַנגען און ווי ס׳איז נאַכט געוואָרן. די פינסטערניש איז אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געקאָנט זען דעם הונט, וואָס איז געלעגן פאַר מיר. ערשט פלוצלינג דערפיל איך עפּעס אַ גלעט און אַ ריר איבער די האָר... ווי אַ שאָרך פון אַ נאַכטפויגל... איך האָב אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, וועלנדיק עס אָפּטרייבן פון זיך. עס איז אָבער אָפּגעשפּרינגען און זיך מיר אַוועקגעשטעלט אויפן האַלז. איך האָב אויסגעצויגן די האַנט אָנצוכאַפּן דעם פויגל, וואָס קיצלט מיר אין האַלז, און מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ ווייך וואַרעם הענטל. אַ פאַרציטערטער בין איך אָפּגעשפּרונגען אויף הינטן: פאַר מיר איז געשטאַנען מאַריוסע מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. איך האָב געוואָלט אויפשטיין, זי אָבער האָט מיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט. זי האָט זיך געזעצט נעבן מיר און געדריקט מיין האַנט אין אירע ביידע.

— פאַרוואָס זיצסטו דאָ?

— דיין מאַמע האָט דאָך מיך אַרויסגעטריבן?

— ס׳איז גאָרנישט! דו קענסט זי דען נישט? זי איז שוין אַזוי!

— שטענדיק פאַרשעמט זי מיך: זי רופט מיך „זשידיאָנאָק“.

— איז וואָס? דו ביסט דען נישט קיין ייד? וואָלט איך דען אין כּעס געוואָרן אויף דיר, ווען דו וואָלסט מיך גערופן קריסטן?!

איך האָב איר נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אין יענער מינוט האָב איך געטראַכט: איך פאַרמאַוס זיך דאָך אַליין, אויב איך געפין זיך באַליידיקט מיט דעם נאָמען „זשידיאָנאָק“.

— און וואָס קלערסטו איצט צו טאָן?

— איך וויל אַנטלויפן.

— אָן מיין וויסן?

זי האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אירע בײדע אויגן. איך האָב מיך געפילט דעמאָלט, ווי זי וואָלט אַרויפלאָזן אויף מיר צוויי שטראָמען וואַרעמקייט. מײנע אויגן, וועלכע זײנען ביז־לעצווייז צוגעווײנט געוואָרן צו דער פינסטערניש, האָבן געכאַפּט יעדע באַוועגונג פון איר קערפּער. דאָס לײכטע שמײכעלע פון אירע ליפּן האָט פאַרטריבן פון מיר דעם אומעט. איך האָב פּלוצלינג דערשפּירט, אַז איך האָב אין דעם הויז אַ פרײנט אַ גוטן חבר, אַ גוטע, שײנע חברטע. —

איך בין געררירט געוואָרן און אָנגעהויבן װײנען. און זי האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ, דעם האַלז און דאָס פּנים. גוט האָט זי געטאָן, וואָס זי האָט מיר געלאָזט װײנען. נאָכן װײנען איז מיר לײכטער געוואָרן. זי האָט געוואָלט אַרויסנעמען אירע הענט, איך האָב זײ אָבער נישט אָפּגעלאָזן!...

— און דו וועסט אַנטלויפן אָן מײן וויסן?

— נײן — האָב איך געענטפערט העשענדיק.

— אין, אַז איך וועל דיך רופן „זשידיאָנאָק", וועסטו אין כּעס ווערן אויף מיר!

— נײן.

— און, אַז איך וועל דיר געבן חזיר צו עסן?

— סײ ווי סײ האָב איך מיך שוין פאַרמיאוסט דאָס מויל מיט דעם פלײש.

— בין איך דען פאַרמיאוסט דערמיט, וואָס איך עס חזיר?

— נײן — האָב איך געענטפערט אַ באַזיגטער.

— אויב אַזוי ביסטו אַ ווויל ייִנגל, האָב איך דיך ליב.

איך האָב דערשפּירט אויפן האַלז די באַרירונג פון וואַרעמע ליפּן, און האָב פאַרמאַכט די אויגן, כּדי עס זאָלן נישט קוקן אויף מיר דער שוואַרצער הימל און די פינקלענדע שטערן. ווען איך האָב דערנאָך באַרעכנט, וואָס דאָ איז געשען, האָב איך מיך געשעמט פאַר זיך אַלײן.

זי איז נעלם געוואָרן און גלײך צוריקגעקומען מיט אַ זעקעלע אין האַנט.

— דער טאַטע האָט געהייסן, דו זאָלסט אַרויסגיין די נאַכט מיט די פערד אויפֿן „פּאַשע“. דאָ אין דעם זעקעלע איז פֿאַראַן ברויט מיט פֿלייש. זיי־זשע נישט און גיי.

זי האָט גערעדט געשווינט און מיט דעם געוויינלעכן טאָן, ווי דאָס אַלץ, וואָס איז פֿריער פֿאָרגעקומען, וואָלט זיין נישט מער, ווי אַ חלום.

דאָס גיין ביינאַכט מיט די פערד איז געווען אַ באַזונדער מין גיין. אַ גאַנצע טאָג אַרבעט די בהמה אין פֿעלד, און די בעלי־בתּים מוזן איר דעריבער געבן עסן. ביינאַכט אָבער טוט זי דאָך גאָרנישט, פֿאַרוואָס זאָלן זיי איר געבן עסן? גייט מען מיט איר אין אַ פֿרעמד פֿעלד. דער דאָזיקער פֿרעמדער האָט איך בהמות; ביי אים זיינען אויך פֿאַראַן פֿערד, וואָס טוען גאָרנישט ביינאַכט און האָבן נישט פֿאַרוואָס צו באַקומען עסן. וואָס טוט ער? שיקט ער בגנבה זיינע פֿערד אין דעם פֿעלד פֿון זיין שכן. קומט אויס, אַז דעמס בהמות פּאַשען זיך אינם שכנס פֿעלד; און דעם שכנס בהמות — אין דעמס פֿעלד, און ביידע פֿרייען זיך. כאַפּט מען דעם גנב ביי דער גנבה, קריגט ער „שמיץ“. פֿונדעסטוועגן הייסט עס אָבער פֿאָרט נישט קיין גנבה. עס פֿירט זיך שוין אַזוי פֿון קדמונים אָן. מסתּמא האָבן די בעלי־בתּים באַלד פֿאַרויס אויסגערעדט: אויב דו וועסט כאַפּן מיין גנב, בין איך דיר מוחל פֿאַר די קלעפּ, וואָס איך וועל געבן דיין גנב.

און נאָך אַלעמען האָב איך גאַנץ ליב געהאַט צו גיין אויף דער „פּאַשע“. איך האָב ליב געהאַט די נעכט אין פֿעלד, ווען די לבֿנה לייכט שוואַך. אויסער דיינע ד׳ אמות קאָנסטו גאָרנישט אונטערשיידן, און זעסט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל דיר דערמאָנען דאָס אָרט, אין וועלכן דו געפֿינסט דיך. דו האָסט נאָר דעם הימל איבער זיך, דיין טאַטע און דיין מאַמע געפֿונען זיך אויך אונטער אים; און דו קאָנסט דיר איינרעדן, אַז דער טאַטע שטייט פֿאַר דער טיר און איז גראָד איצט מחדש די לבֿנה; און די מאַמע קוקט אויף יענעם בלישטשענדיקן שטערן, וואָס דו קוקסט אויף אים — ביידע קוקט איר אויף דעם זעלביקן פּונקט. און

הויבסט אָן וויינען, און שטעלסט דיר פאָר, אַז די מאַמע וויינט אויך איצט; און עס הערט די נאַכט, און עס הערן דיך די שטערן... די היישעריקן סוויסטשען. ווילסטו? קאָנסטו גלויבן, אַז זיי וויינען מיט מיט דיר, אַז זיי זיפצן פאַר דיר. און אַ שטיל ווינטל טראָגט זיך דורך פאַרביי דיר, דרינגט אַריין אין דיר, פרישט דיך אָפּ; און דו הויבסט אָן גלויבן, אַז נישט אייביק וועסטו געפאַנגען זיין, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג און דו וועסט באַפרייט ווערן; און דעמאָלט, אין אַזעלכע מינוטן, לייג זיך מיטן פנים צום הימל און שלאָף איין. און אויב עס וועט דיך נישט אויפוועקן די רוט פונם בעל-הבית פון פעלד, וועסטו זען אַזעלכע שיינע חלומות, וואָס קיין מויל קאָן זיי גאָרנישט אויס-דערציילן.

איך האָב גענומען דאָס זעקעלע און בין אַרויסגעגאַנגען מיט די פערד אינם ברייטן, פרייען פעלד, וואָס ציט זיך אַוועק און ליגט פאַרזונקען אין דער פינסטערניש. איך ווייס נישט, צי אויף צו-להכעיס מיין בעל-הבית, צי גלאַט אַזוי האָב איך עס געטאָן, נאָר דאָס מאָל בין איך נישט געגאַנגען פאַשען די פערד אין פרעמדע פעלדער; איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט טיף אין טאָל אין יענעם שטיקל פעלד, וואָס פּיאָטר האָט איבערגעלאָזט אויף צו שניידן היי, און האָב מיך אויסגעצויגן אויף דער גוטער ערד און אויף איר ווייכן גראָז.

מיר האָט זיך פאַרוואָלט אַרויפברענגען אין זכרון דעם טאַטן מיט דער מאַמען, און שמועסן מיט זיי. דאָס מאָל אָבער האָט זיך עס מיר נישט איינגעגעבן. דאָס בילד פון דעם אַלטן רב שוועבט מיר פאַר די אויגן. דאַכט זיך, אַז ער קוקט אויף מיר אַ ברוגזער. ער דערציילט מיר אַ מעשה מיט יוסף הצדיק, וועלכער איז געזעסן ביי פוטיפרען אין שטוב און האָט געלעבט מיט טרוקענע קערנער.

און אַז איך האָב מיך דערמאָנט אָן יוסף הצדיק, בין איך שטאַרק געפאַלן געוואָרן ביי זיך, צוליב דער מעשה מיט מאַריוסען.

זייער זינדיק האָב איך מיך געפילט, און האָב אַפילו וויינען נישט געקאָנט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל איז היינט שוואַרצער, ווי נעכטן, און די שטערן בלישטשען היינט גאָרנישט, — און אַ פאַרזונקענער אין טרויעריקע, טריבע מחשבות בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

עפּעס אַ שטימע האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף... עפּעס ענלעך צו אַ געוויין... נישט ווייט פון דאַנען... עס טראָגט זיך די שטימע און שוועבט אין טאָל... איך בין אַ דערציטערטער געוואָרן. און די שטימע גייט און גיסט זיך... קלינגט און ציט דאָס האַרץ... און גייט אַהער, ווי גלייך צו מיר...

אַ צעשראָקענער בין איך אויפגעשטאַנען און האָב מיך געלאָזט גיין נענטער צו דעם אָרט, פון וואַנען די שטימע האָט זיך געטראָגן. און אַרום, אויבן, אונטן — איז פינסטער, שטאָק־פינסטער: די לבנה איז שוין פאַרגאַנגען. איך בין אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט — און איך דערזע שוין נישט מיינע פערד. באַלד האָב איך אָנגעהויבן כאַפּן ווערטער אין דער שטימע; ווערטער, וואָס פרעסן דאָס האַרץ, ווי מיט צוואַנגען... ווערטער פון תהלים:

„כי יודע יי דרך צדיקים, ודרך רשעים תאבד".

איך האָב מיך אויפגעהערט צו שרעקן, און אָנגעהויבן צו שטויגען: „פון וואַנען קומען די ווערטער דאָ, אין גלות?"

איך האָב אָנגעהויבן צווייפלען: איז עס נישט אינגאַנצן אַ חלום?

„למה רגשו גוים... ולאמים יהגו ריק!.."

דאָס קול האָט מיך אַ ציי געטאָן, זאָל דאָרט זיין ווער עס וויל זיך, איך וויל זיך צו דעם באַהעפטן.

דאַן האָב איך אויך אָנגעהויבן אויפן קול:

„יתיצבו מלכי ארץ..."

די שטימע איז איבערגעריסן געוואָרן, און איך האָב דער־הערט טריט.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט אַ קול אויף יידיש.

— איך! און ווער איז דאָרט?

— מיר! — ענטפערן אַ סך שטימען פֿאַר אַ מאָל.
— קאַנטאָניסטן?
— אַ קאַנטאָניסט?
און אין מיטן די שאלות האָבן מיר זיך באַגעגנט.

דאָס זיינען געווען דריי קאַנטאָניסטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף ווייט פון פּיאָטרס הויז, און איך האָב זיי נישט געקענט. זיי זיינען אויך אַרויס ביינאַכט אויף דער „פּאַשע" מיט די בהמות פון זייערע בעלי־בתים און מיר האָבן זיך באַגעגנט אין טאָל.

מיר איז אָנגענעם זיי אָנצורופן מיט די נעמען: דער עלטסטער פון זיי איז געווען „יעקב", דער, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערציילט, און די אַנדערע צוויי — סימאָן און רובין; נאָר דאָרט אין טאָל, האָבן זיי זיך אָנגערופן מיט זייערע יידישע נעמען, ווי מ'האָט זיי גערופן אין דערהיים: יענקל, שמולע און ראוביק.

ווי איך בין דערנאָך געוואָר געוואָרן, האָט זיי דער טאָל געדינט פֿאַר אַ פּלאַץ, וווּ זיי זיינען זיך אַלע מאָל צוזאַמענגעקומען. דאָס איז געווען אַ באַזונדער סאָרט קלויז, וואָס מ'האָט אים געקאָנט רופן „ר' יענקלס קלויז".

ער, יענקל, איז געווען אַ יינגל פון פופצן יאָר, וואָס מ'האָט אים צוגענומען פון דערהיים, ווען ער איז שוין געווען „אָנגעשטאָפּט" מיט תורה. מיר אַלע האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן דעם חשבון פון די טעג; ער אָבער האָט זיך באַרימט, אַז ער געדענקט די טעג לויט זייער אויסזען און לויט זייער רו און באַזונדערס — די פרייטאָגדיקע טעג. זיינע חברים האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער נאַרט נישט אָפּ; און באַרימט האָט ער זיך, אַז ער האָט אויפן רעכענונג אַלע טעג פון יאָר, אַזוי אַז ער האָט נאָך נישט דורכגעלאָזט קיין איין יום־טוב.

אין די יום־טובדיקע נעכט קומען זיי זיך צוזאַמען דאָ, אין דעם טאָל.

לויט יענקלס חשבון איז אין יענער נאַכט אויסגעפאַלן

„תשעה באָב" און זיי זיינען זיך אַהער צוזאַמענגעקומען, ווי זייער שטייגער איז געווען.

— אויב אַזוי — האָב איך זיך געווענדעט צו זיי מיט אַ שאלה — טאָ וואָס זאָגט איר עפעס תהלים? זאָגט בעסער קינות!

— קינות קענען מיר נישט אויסגווייניק — האָט מיר יענקל ערקלערט, ווי אַן עלטערער ייד, וואָס מ'רופט אים ר' יענקל — אויף אויסנווייניק קענען מיר נאָר עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים און זיי זאָגן מיר אַלע יום־טוב; און אין תוך אַריין רעדנדיק, זיינען דען די ווערטער דער עיקר? דער עיקר איז די כּוונה; אַזוי האָט מיר געלערנט דער טאַטע, עליו השלום: אַלץ גייט נאָך דער כּוונה פון האַרצן!

דאָס יידישע לשון, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט זיך באַנוצט מיט דעם, האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַ באַזונ־דערן רושם! אָט בין איך אין אַ יידישן קבוץ, יידן, אַזעלכע, ווי דער טאַטע און די מאַמע. איך האָב געפילט אַ שטאַרקן, ביטול פאַר דעם „למדן מופלג", יענקלען, וואָס ווייס אַלץ, ווי אַ „תנא". איך האָב געזען אין אים אַ מין קליינעם „רב" איבער דער דאָ־זיקער קהלה.

די באַגעגעניש מיט זיי האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין טרויער. איך האָב אויסגעזען ביי זיך אין די אויגן, ווי דער שטאָט־רשע, וואָס עסט חזיר און טוט אַ סך האַרבע עבירות. איך טאָר זיך גאָרנישט מצרף זיין צו די דאָזיקע פרומע יידן.

דערווייל האָט דער קליינער ראובעלע אַ טאַפּ געטאָן מיין זעקל און געפונען דאָרט אַ מציאה.

— קינדער! עסן! — האָט דער קליינער אויסגעשריגן מיט התפעלות.

חברה, דערהערט עסן, איז לעבעדיק געוואָרן. אַזוי זיינען שוין די קאָנטאָניסטן געווינט געווען, זיך דערפרייען מיט יעדן עסן, אַפילו זאַטערהייט. נישט שטענדיק אַפילו האָבן מיר זיך געקאָנט קלאָגן אויף אונזערע בעלי־בתּים וועגן אָנשטאָפּן דעם מאָגן; אַממערסטנטייל פלעגן זיי אונז געבן עסן צו דער זעט.

אזוי אָבער ווי זיי פלעגן אונז נישט געבן צו עסן דעמאָלט, ווען עס האָט אונז געהונגערט. נאָר ווען ס'איז אויסגעקומען לויט זייער רעכענונג, „עס, ווען דו האָסט, ווען דו האָסט, ווען דו וועסט נישט דאַרפן הונגערן, ווען דו וועסט נישט האָבן!“ — דאָס איז געווען אַ באַקאַנט שפּריכוואָרט צווישן אונזעריקע.

זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן אין מיין זעקל, און איך בין אָן אָנגעצינדענער געוואָרן פון חרפה, ווייסנדיק, אַז אָט באַלד וועלן די דאָזיקע ערלעכע יידן געפונען ביי מיר אין זעקל — חזיר-פלייש.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען און זיך מתודה זיין אויף מיינע זינד:

— כ'בין געשטרויכלט געוואָרן — רעד איך העשענדיק — חזיר-פלייש... איך האָב נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יענקל איז מיין „בית-דין“, און די צווי קליינע — מיינע עדות, וואָס האָבן מיך געכאַפּט ביי דער עבירה. יענקל האָט אויסגעהערט די אָפּגעריסענע ווערטער פון מיין וידוי. די עדות האָבן אַראָפּגעלאָזט די צעפּ צו דר'ערד, ווי זיי וואָלטן זיין די באַשולדיקטע; און איך — איך וויין און זיפץ.

— הער נאָר, קליינער, — האָט יענקל זיך אַ קער געטאָן צו מיר — איך ווייס נישט צי דו ביסט דורכגעגאַנגען די אַלע מדורי-גיהנום, וועלכע מיר זיינען דורכגעגאַנגען. האָט מען דיך אויסגעשמירט מיט סמאָלע און אַרויפגעפירט אויף דער אויבערשטער באַנק אין באָד, ווו די היץ ברענט און שטיקט? האָט מען דיך געשמיסן מיט ריטער דערפאַר, וואָס מ'האָט דיך געטראָפן מורמלענדיק „מודה אני“? האָט מען דיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני צווישן שפּיציקע שאַרפע שטיינער, דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט געוואָלט קושן דעם צלם? האָט מען דיך געטראָפן אַמאָל קושנדיק בגנבה די ציצית פון „ארבע-כנפות“ און אָפּגעמשפּט אַזוי פיל ריטער, וויפיל פעדים ס'זיינען פאַראַן אין די ציצית? אויב דו האָסט עס אַלץ נישט איבערגעטראָגן — כו אַ קוק אויף אונזער לייב און צייל איבער די שראַמען, וואָס

זיינען דאָרט איבערגעבליבן. און דערצו קאָנסטו נאָך צורעכענען
אויך די שמיץ, וואָס איך דאַרף נאָך קריגן, ווייל מיין קליין
קערפּערל האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די גאַנצע צאָל
שמיץ מיט אַמאָל. — און נאָך דעם אַלעמען, איז נאָך נישט
איבערגעגאַנגען קיין איין טאָג, מיר זאָלן נישט זאָגן קיין „מודה
אני״; און פון חזיר־פלייש האָבן מיר זיך אַזוי לאַנג אָפּגעהיט,
ביז זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט אונז דערפאַר צו שלאָגן,
נאָר, פשוט, נישט געגעבן אונז קיין אַנדער זאַך צום עסן,
ויסער חזיר־פלייש. צוויי גאַנצע מעת־לעת האָבן מיר געפאסט:
נישט קיין ברויט און נישט קיין וואַסער איז אין אונזער מויל
נישט געקומען. דו זעסט אָט דעם קליינעם שמעולען? די גראָזן
פון דער ערד האָט ער דע־אָלט געפרווט עסן. און אין דער
דריטער נאַכט פון אונזער תענית האָב איך געזען דעם טאַטן
אין חלום. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע יום־טובדיקע
מלבושים און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ חומש. ער האָט
אָנגעהויבן צו לערנען מיט מיר און מיר איינצוהזרן דעם פּסוק
„ונשמרתם לנפשותיכם״. און פלוצלינג האָט זיך די ערד געעפנט:
ס׳איז אַרויס דער מלאך־הדומה... אין דער רעכטער האַנט האָט
ער געהאַלטן ריטער און אין דער לינקער — חזיר־פלייש, און
ער האָט עס דערלאַנגט מיר צום מויל. איך קוק אויפן טאַטן
מיט אַ ציטערניש... און ער לאַכט. דאָס גאַנצע אָרט האָט גע־
לויכטן פון זיין געלעכטער, און ער האָט געזאָגט: „דו עסט עס
דען מיטן גוטן ווילן?״ דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אַרויפצו־
שוועבן אין דער הייך, און פון דערווייטנס האָט ער צו מיר
געשריגן: „זאָג דיינע „געכאַפּטע״ ברידער, אַז זייער שכר איז
זייער גרויס! יעדער איינציקער פון זייערע זיפצן ווערט גע־
רעכנט פאַר אַ תפלה; יעדע גוטע מחשבה ווערט פאַררעכנט פאַר
אַ מעשׂה און אויב איר וועט אויסגיין פון הונגער, וועט איר
זיין אין גיהנום״. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט. און פון דעמאָלט
אָ האָבן מיר אָנגעהויבן עסן חזיר־פלייש און טרפה עסנס. דער
עיקר איז, מיר זאָלן בלייבן יידן; איך בין זיכער, אַז גאָט וועט
אונז דערפאַר נישט שטראָפן.

אַ שטיין האָט זיך מיר אַראָפּגעקוילערט פון האַרצן ; איך האָב אָנגעהויבן וויינען פון שמחה און אז איך האָב שוין אָנגעהויבן ריידן, האָב איך זיך שוין באַשלאָסן צו דערציילן אים מיין אַנדערן חטא אויך. איך האָב געהאָפט צו קריגן פון יענקלען אַ היתר אויף מאַרוסיען, אָט אַזוי, ווי איך האָב עס געקריגן פון אים אויף חזיר־פלייש.

דערווייל האָט שמעולע אַרויסגענומען פון מיין זעקל ברויט און פלייש.

— פּרעסער! — האָט יענקל אויף אים בייז אַ געשריי געטאָן — דו האָסט פאַרגעסן? היינט איז דאָך „תשעה באָב״!

אַ פאַרשעמטער האָט שמעולע אַלץ צוריק אַריינגעלייגט און האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט.

איך האָב דערציילט יענקלען אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן מיר מיט מאַרוסיען, און גאָרנישט טראַכטנדיק וועגן דעם האָב איך מיר משתדל געווען צו געפינען פאַר איר אַ זכות. מיר דאַכט, איך האָב דעמאָלט אַ סך מגזם געווען און ליגן געזאָגט בנוגע צו דער ליבע, וואָס זי פילט, צו יידן.

— און זי האָט דיך טאָקע געקושט? — האָט יענקל געפרעגט אַ דערשראָקענער.

יעדערער פון דער קאָמפּאַניע האָט איבערגעפרעגט די זעלביקע שאלה.

איך האָב אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דר'ערד און — געשוויגן.

— דאָס איז אַ האַרבער ענין! דו פאַרשטייסט? ס'איז פאַר אונז א סכנה צו געפינען דאָ... אין גלות... צווישן אונזערע שונאים... אמתע און ערלעכע גוטע פריינט.

— פאַרוואָס? — האָב איך מיך געוואונדערט.

— עלנט און געפייניקט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען און עלנט און געפייניקט מוזן מיר זיך אומקערן. די ליידן און די גערעכטיקייט געהערן צו אונז. מיר מוזן זיי היטן, ביז מיר וועלן מיט זיי אַהיים קומען.

ער האָט אויסגעשטעלט אויף מיר זיינע אויגן און געזאָגט:

— זע, דערוויטער דיך פון איר!

זיינע ווערטער זיינען מיר אריין טיף אין דער נשמה. איך האָב איינגעבויגן דעם קאָפּ פאַר אים מיט אונטערטעניקייט. דאָס איז געווען זיין כח נישט נאָר איבער מיר, נאָר אויך איבער אַלע אַנדערע חברים; פלעגט ער אויף עמעצן אַ קוק טאָן, איז שוין יענער געוואָרן אונטערטעניק. אים האָט מען נישט געקאָנט נישט פאָלגן.

איך בין געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש: אַ משא פון צוויי עבירות איז מיר אַראָפּגענומען געוואָרן פון האַרצן. אויף איינער האָב איך באַקומען אַ היתר, און אויף דער אַנדערער בין איך געוואָרן אַ בעל־תשובה. מיט אַ פריילעך האַרץ בין איך צוגעשטאַנען צום עולם, און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן זאָגן די ערשטע קאַפּיטלעך פון תהלים, אָנשטאָט קינות. צום סוף האָב איך פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זאָגן „על נהרות בבל", וואָס איך האָב געקאָנט אויף אויסנווייניק.

מען האָט מיך געפאָלגט.

אַ עדה פון פיר קליינע יידעלעך איז געשטאַנען אויף פּיאָטר כלאָפּאָווס לאָנקע, פאַרבויגן צווישן אַרומיקע בערג און איינגעהילט אין די שאָטנס פון דער נאַכט, — און האָבן אַרויס־געשריגן פון טיפן האַרצן:

„על נהרות בבל שם ישבנו, גם בכינו, בזכרנו את ציון"

האָבן מיר געזאָגט געזעסן און געוויינט, זיך דערמאָנענדיק, ווי מיר געפונען זיך."

דער אַלטער שמואל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אין מיטן דערציילן. די זון איז פאַרגאַנגען און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך קיין מנחה נישט געדאַוונט.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען, האָט געוואַשן די הענט אין אַ קאַלעזשע, איז צוריק אַרויף און האָט זיך פאַרזונקען אין דאַוונען.

VI

ווען דער אַלטער האָט זיצנדיק אויפן וואָגן געענדיקט דאָס דאַוונען, האָט ער נישט געוואַרט, איך זאָל אים דערמאָנען: ער אַליין האָט זיך אומגעקערט צו דעם אָרט, וווּ ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי ער וואָלט דאַרפן אָפּגעבן פאַר מיר דין וחשבון פון אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. די לעצטע פּאָר באַקטיקע שטראַלן זייענען פאַרלאָשן געוואָרן. אַ ווינטערדיקער אָוונט האָט אונז איינגעהילט אין אַ געדיכטער פינסטערניש.

דער אַלטער האָט געענדיקט זאָגן „עלינו לשבח“.

— „איך רעכן יענעם טאָג, אין וועלכן איך האָב זיך באַקענט מיט יעקבן, — האָט דער אַלטער זיך צוגעיילט און ווייטער דערציילט — פאַר אַן אָנהויב פון אַ ניי לעבן. איך בין צוגעוווינט געוואָרן צו קוקן אויף אים, ווי אויף אַ גרויסן מענטשן, וואָס זיינע מעשים דאַרפן אונז דינען פאַר אַ ביישפּיל. וואָס יעקב האָט געזאָגט, איז געווען ווי אַ באַשטימטע, אָפּגעפּסקנטע זאַך. דאָרט וווּ ער אַליין איז נישט זיכער געווען, האָט אים דער פאָטער זיינער פּותר געווען אין חלום זיינע שאלות מיר האָבן געוווּסט צו פאָלגן נאָר אים און זיינע חלומות.

איך בין געוויינט געווען אים צו זען עסנדיק טרפות, מחלל שבת זיין און עובר זיין אויף דער גאַנצער תורה אָן אַ שום קווענקלען זיך; און פונדעסטוועגן זאָגט ער אונז שטענדיק אָן, מיר זאָלן זיך לאָזן שלאָגן און אויסשטיין אַלע מיני צרות, איידער בוגד צו זיין אין יידישקייט.

מיר האָט זיך אָפּט אויסגעדאַכט, אַז איך בין מקיים מיין יידישקייט מיט דעם, וואָס איך וועל ביישטיין דעם נסיון, וואָס דער שטן האָט מיר געשטעלט אין מאַרוסיען.

האָב איך זיך באַוואָפנט געגן איר מיט אַלע מיני כּלי-זיין, און ביי מיר איז פעסט באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווען זי וועט מיר געבן שטילערהייט עפּעס צום עסן, זאָל איך עס איר אין פּנים

אַ שלײדער טאָן; און טאַמער װעט זי אַרױפֿלײגן אױף מיר די האַנט, װעל איך זי אָפּשטױסן פֿון זיך. איך װעל איר זאָגן, אַז איך בין אַ ייִד, און זי איז — גאָרנישט.

איך האָב געקעמפּט מיט איר שאָטן און האָב אים מנצח געװען, אַזױ לאַנג װי איך האָב זי נישט געזען; װי אָבער זי האָט זיך מיר אַ װײַז געטאָן פֿאַר די אױגן, האָט זי מיך אַזױ װי פֿאַרשכּורט. איך האָב נישט געקאָנט בײַשטײן נישט קעגן אירע אױגן, װאָס האָבן געשפּריצט מיט פֿײַער, נישט קעגן איר פֿרײלעך ק׳ל, נישט קעגן — איר אײנגאַנצן.

די האָט געטאָן פֿאַר מיר אַלץ: — װוּ ס׳האָט מיר געפֿעלט אַ קנעפּל — האָט זי צוגענײט; װוּ מײַן בגד איז צעריסן געװען — האָט זי געלײגט אַ לאַטע; אַ קלײנע מאַמע איז זי פֿאַר מיר געװען, עסן און גוטע זאַכן האָט זי מיר געבראַכט, און האָט מיר געהײסן עסן, און איך האָב איר געפֿאָלגט. אױסגעמעקט אינגאַנצן פֿון מײַן זכּרון האָט זי יעקבן מיט זײַן תּורה.

פֿלעג איך אָבער צוזאַמענקומען זיך מיט יעקבן — פֿלעג איך אַן איר פֿאַרגעסן און זײַן תּורה זיך אײַנחזרן, אַז מ׳טאָר אין גלות קײן גוטס נישט זוכן. האָב איך חרטה געהאַט פֿון גאַנצן האַרצן אױף דעם, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען און דאָס האָט זיך געצױגן אַזױ לאַנג ביז איך בין צו איר געקומען.

צװישן מערזשל און שטײסל בין איך געװען.

און מיט יעקבן פֿלעג איך זיך טרעפֿן גאַנץ אָפֿט; פֿון יענער נאַכט אָן, װאָס לױט יעקבס חשבון איז עס געװען תּשעה־באָב, האָבן מיר זיך כּמעט אַלע נאַכט געטראָפֿן אױף דער לאָנקע, און ס׳איז אַזױ װײַט געקומען, אַז מיר האָבן זיך שיער נישט צעקריגט: איך האָב בשום אופֿן נישט דערלאָזט, אַז אַלע זאָלן ברענגען זײערע בהמות אַהער זײ זאָלן אױפֿעסן מײַן בעל־הבית פֿאַרמעגן. שמעון און ראובן װידער האָבן אױך נישט געלאָזן, אַז איך זאָל ברענגען מײַנע פֿערד אױף זײערע פֿעלדער, און עס האָט געהאַלטן דערבײַ, מיר זאָלן אינגאַנצן איבעררײַסן אונזער חבֿרשאַפֿט; ביז יעקב האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— „חברה! איר דאַרפט וויסן, אַז דאָס „גאַכטיקע“ פּאַשען איז איינגאַנצן אַן ענין פון גנבה. אמת די גנבה איז נישט אונ־זערע; קוים אָבער האָט מען דאָס איבערגעגעבן אונז אין די הענט, דאַרפן מיר זיך פירן דערביי מיט יושר און גערעכטיקייט. לאָמיר איבערציילן, וויפיל פערד יעדערער פון אונז האָט? און לויט דער צאָל פון די פערד, וועלן מיר איינטיילן די נעכט, און בייטן די „פּאַשע“: ווער עס האָט מער פערד, ביי דעם אויפן פעלד וועט מען מער מאָל פּאַשען, און די גנבה וועט כאָטש זיין מיט יושר“.

דער פּראָיעקט איז אָנגענומען געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אָנגעהויבן פּראַווען די גנבה מיט יושר.

די בעלי־בתּים אונזערע זיינען זיך געשלאָפן אין דערהיים, האָבן זיך געפרייט מיט דער גנבה און ס'האָט זיי נישט געשאָדט; האָט זיך אָבער איינמאָל מיט אונז מתחבר געווען אַ גוישער שגץ, סערגיי איוואַנאָוויטש, דער זון פון פּיאָטר כלאָפּאָוס אַ שוואָגער, וואָס איז געווען דער ראש אין דאָרף. אין אָנהויב האָט דער דאָזיקער שגץ געמוזט מקבל זיין אויף זיך יעקבס גזרה; נאָר אויף צומאָרגנס האָט ער אויסגעזאָגט די גאַנצע מעשה.

די בעלי־בתּים זיינען אין כעס געוואָרן. יעקב האָט גע־נומען די גאַנצע זאַך אויף זיך, און געקריגן געשלאָגן פאַר אונז אַלעמען. און פון דעמאָלט אָן איז יעקבס קלויז פאַרמאַכט געוואָרן. מ'האָט אונז אויפגעהערט צו שיקן ביי נאַכט אויף דער „פּאַשע“.

צווישן זיך רעדנדיק, זיינען זיי אַביסל גערעכט געווען: דורך אונז זיינען זיי אָפּגענאַרט געוואָרן. יעדער איינער פון די דאָזיקע בעלי־בתּים האָט געגלויבט, אַז זיין פערד ברענגט אים אַ געוויסן ריוח יעדע נאַכט, ד. ה. אַזוי פיל, וויפיל עס באַטרעפט די פּאַשע פון אַ נאַכט. פּלוצלינג דערוויסן זיי זיך, אַז יעדן איינעמס פערד פּאַשעט זיך אויף דעם רעכענונג פון זיין אייגע־נעם בעל־הבית — הייסט דאָך עס, אַז מיר האָבן זיי גורם געווען אַ גרויסן שאָדן מיט אַמאָל.

אַי וואָס ? אַ גנבה — ווּעסטו זאָגן ? וואָס אַרט עס דיר, מ'גנבעט דע דיינס ?!

יעקבס קלויז איז פאַרמאַכט געוואָרן, מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעזוכט אַנדערע צייטווייליקע ערטער, און האָבן אָנגעהויבן אָפּט אַריינקומען איינער צום אַנדערן — אונזערע בעלי־בתּים האָבן נישט מקפּיד געווען אויף דעם.

איך ווייס נישט, ווער עס האָט מאַרוסיען איינגערעדט אין אויער, וואָס פאַר אַ מין נפש אָט דער יעקב איז און וואָס פאַר אַ מיינונג ער האָט וועגן איר ? — זי האָט אים פיינט געקריגן ליין פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער איז אריינגעקומען צו מיר : „פּרא־אדם" האָט זי אים גערופן.

— קיינמאָל האָט זי נישט געזען אַזאַ ייד,—אַזוי האָט זי מיר געזאָגט : איך האָב פּשוט מורא פאַר אים, — פאַר זיינע משונה־דיקע אויגן האָב איך מורא, און קאָן אים נישט אָנקוקן.

ווען ער איז אריינגעקומען צו מיר, איז זי אַרויס פון צימער און נישט אַריין פריער, ביז ער איז אַוועק ; און איך בין דערפון צופרידן געווען : מיר איז פּשוט אוממעגלעך געווען זיך צו געפינען אין איין צייט אונטער דער השפּעה פון זיי ביידע.

אַזוי האָב איך אָפּגעלעבט טעג און וואָכן אין מיין קליי־נער סביבה : פּיאָטר פלעגט מיר אָפּט אַרויסווייזן סימנים פון פריינטשאַפט ; אַננא האָט מיר פאַרטיילט ביטערע צרות ; מאַרוסיע האָט מיך ליב געהאַט, ווי אַן אייגענעם ברודער און געוואַרעמט מיט דעם פייער פון אירע אויגן. יעקב האָט מיר נישט אויפ־געהערט צו לערנען, אַז אין גלות דאַרפן מיר מלחמה האַלטן פאַר יידישקייט. סערגיי איוואַנאָוויטש איז מיר געוואָרן אַ שונא פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט דערציילט פאַר אַלעמען, וועגן „דער גנבה מיט יושר", און דער אָפיצער האָט מיר געלערנט די „סלוזשבע" און האָט געהאַט ערפאָלג.

איך אַליין בין, דאַכט זיך, גאָרנישט געווען.

אַזוי איז אַריבער דער זומער און דער גרעסטער טייל פון ווינטער.

דערווייל איז אָנגעקומען עפּעס אַ יום־טובדיקער טאָג בײַ די כלאָפּאָוס. איך געדענק נישט, וואָס פאַר אַ יום־טוב דאָס איז געווען. די דאָזיקע ערב־יום־טובדיקע טעג זיינען געווען פאַר אונז אין גלות די סאַמע שרעקלעכסטע, ווי אַננאַ פּלעגט נאָר אָנהויבן זיך עוסקן מיט די הכנות לכבוד יום־טוב, פלעגן מיר אַרויף אויפן רעיון די ערב־שבתן אינדערהיים, די שבתים אין קלויז, די יידישע ימים־טובים און די אַלע אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען אַזוי ליב יעדן יידישן יינגל, — און אַ פּייערדיקע בענקעניש פלעגט זיך צעפלאַקערן ביי מיר אין האַרצן. אין יענע טעג פלעגט מיר נישט העלפן אַפילו מאַרוסיעס נאָנטקייט, און די טרערן פלעגן אויך נישט לעשן דאָס דאָזיקע פייער. ווי גליענדע קוילן פלעגן זיי זיך מיר אָנלייגן דאָ אויפן האַרצן... דו האָסט שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַזאַ מין פייער? דיר ווילט זיך דעמאָלט ליגן אויף דער ערד, זיך וואַלגערן, צודריקן דאָס האַרץ צו עפּעס אַ שטיין. עס פאַלט דיר פלוצלינג איין אַ משוגעת אין קאָפּ: טאַנצן, זינגען, זיך שלאָגן, וויינען, לאַכן, אַפילו שמיץ וואָלסטו דעמאָלט געוואָלט קריגן, אַבי דו זאָלסט דיר אַרויסשלאָגן יענע זכרונות פון קאָפּ.

כלאָפּאָוו איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך געזוימט מער, ווי געוויינלעך. מאַרוסיע האָט באַמערקט, אַז זי האָט אים געזען גייענדיק אין שענק.

האָט אַננאַ אָנגעהויבן שעלטן דעם שענקער — „אונזער מאָשקען".

— הער, מאַמע, — האָט זיך מאַרוסיע אַריינגעמישט — וואָס איז דאָ מאָשקע שולדיק; ער שלעפּט דען דעם טאַטן מיט געוואַלט? ער נויט אים דען צו טרינקען?

אַננאַ איז אין כעס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן זידלען די טאָכטער.

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז אין יענער מינוט געוואָרן. מיינע פויסטן האָבן זיך צוזאַמענגעבײַלט, דאָס בלוט אין מיר האָט אויפגעקאָכט; איך האָב נישט געקאָנט קוקן גלייכ־גילטיק ווי מ'באַליידיקט מאַרוסיען. דאָס איז געווען אַ געפערלעכע

מינוט — איך האָב געוואָלט אָנפאַלן אויף אַנגאַן און זי ממיתן, און האָב נישט געוווסט, אַז מאַרוסיע קוקט מיר נאָך, און זעט, וואָס דאָ טוט זיך מיט מיר.

אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און כלאָפּאָוו איז אַריינגעקומען אַ מבוסמדיקער, מיט אַ יום־טובדיקער פריילעכקייט אויפן פנים איז ער געגאַנגען אונטערטאַנצנדיק. כלאָפּאָוו, ווען ער איז געווען מבוסמדיק, איז אים די נשמה אַרויס אויפן פנים. אין יענע מינוטן האָט ער קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט טאָן, ווי נאָר האַלזן, קושן און וויינען אָדער שעלטן, שלאָגן און שמייכלען.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שפּילן מיט מיר און מיט מאַרוסיען, האָט אונז געגעבן גוטע זאַכן, אַבי נאָר מיר זאָלן טאַנצן מיט אים.

אַנגאַ אָבער האָט אים אויפגענומען מיט אַ זויערער מינע:

— שוין ווידער שכור?

אַנגאַס אויגן האָבן אין יענע מינוטן נישט געווירקט אויף כלאָפּאָוון.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — און כלאָפּאָוו האָט זיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן אויף איר:

— זשידאָווקאַ!

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אַנגאַן און געזען, אַז זי האָט זיך אָנגעצונדן, מאַרוסיע איז רויט געוואָרן; איך האָב אַ קוק געטאָן אויף כלאָפּאָוון און דערזען, ווי זיין נשמה הויבט זיך אָן איינצוציען און קערט זיך צוריק אום אין איר באַהעלטעניש. אַנגאַ איז אַוועק אין איר צימער. דער גאַנצער סדר איז צעשטערט געוואָרן.

איך בין אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך אַ דערשטוינטער: „זשידאָווקאַ" — וואָס זאָל עס הייסן?

איך האָב רחמנות געקריגן אויף כלאָפּאָוון, אויף דער דערשראָקענער מאַרוסיען, אויף דער וויינענדער אַנגאַן, אויף דעם גאַנצן יום־טוב, וואָס איז צעשטערט געוואָרן צוליב דעם איינ־

ציקן וואָרט: „זשידאָווקאַ"; און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אַ גרויסער טייל פון דער שולד פאַלט אויף מיר. וואָרים אין דער אמתן: צו ווּעמען דען האָט דאָרט געהאַט אַ שייכות דאָס וואָרט „זשידאָווקאַ" מער, ווי צו מיר? צו כלאָפּאָון אפשר?!"

דעם אַלטנס דערציילונג איז דאָ איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ הירזשען פון די פערד, צווישן וועלכע עס איז פאָרגעקומען אַ שטיקל געשלעג: דאָס פאָדערשטע פערד האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיין ביסל פרייהייט און אַ ביס געטאָן דעם מיטלסטן שכן. יענער האָט אים נישט געקאָנט אָפּגעבן, ווייל ער איז געווען צוגעבונדן מיט שטריק, און האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיס. דער פורמאַן האָט דאַן אויפגעהויבן אויף זיי די בייטש און זיי האָבן צווישן זיך שלום געמאַכט.

— זייט זיך מטריח, — האָט אונז דער בעל־עגלה אַן עצה־טובה געגעבן — קריכט אַראָפּ פון וואָגן און גייט צו ביז יענעם באַרג, איר זאָלט נישט פאַרגליווערט ווערן זיצנדיק!

אַ בעל־עגלה אין וועג זאָגט מען נישט אָפּ, און מיר האָבן געטאָן, וואָס ער האָט אונז געהייסן.

VII

„צומאָרגנס, — האָט דער אַלטער ווייטער דערציילט — איז מיר די זאַך אַ ביסל קלערער געוואָרן. מאַרוסיע האָט מיר אויסגעזאָגט, אַז אין דאָרף מורמלט מען אויף איר מאַמען, זי זאָל זיין אַ „געשמדטע זשידאָווקע". זי ווייס נישט אויף וויפיל דאָס איז אמת... אַמאָל טרעפט, אַז דער טאַטע רופט זי „זשידאָווקאַ", דאָס איז אָבער נאָר פון שכרות, און זי ווייסט נישט, צי ער זאָגט עס אַליין, צי ער חזרט נאָר איבער די פּלוידערייען, וואָס

ער הערט וועגן איר אין דאָרף. ווען זי פרעגט דער מאַמען וועגן דעם, ווערט זי אין כּעס. דער טאַטע האָט ליב יידן, נאָר די מאַמע האָט זיי פיינט. זי אַליין האָט ליב דעם טאַטן מער פון דער מאַמען. זי האָט אויך ליב יידן. זי חברט זיך מיט די קינדער פון „אונזער מאָשקען" אָן דער מאַמעס וויסן. זי קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מאַמע האָט אַזוי פיינט יידן? און דערווייל האָט זי מיר פאַרשווירן, איך זאָל איר זאָגן דעם אמת: „ווי זיינען די יידן דאָרט אין זייערע ערטער? אַזעלכע, ווי דער ווילדער יעקב, צי אַזעלכע, ווי איך?"

איך האָב שוין מער נישט געהערט אירע וויטערדיקע פּלוידערייען, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט דעם איינעם געדאַנק: אויב ס'איז אמת, וואָס מ'זאָגט, איז דאָך מאַרוסיע האַלב אַ יידישע! איך האָב זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן אויסצוגעפונען דעם סוד. דאָס קאַנטאָניסטן-לעבן האָט אונז אויסגעלערנט צו זיין מוטיק ווי אָדלערס, און שטאַרק ווי לייבן צו ערפילן דעם פאַרלאַנג פון אונזערע בעלי-בתּים, און קלוג ווי פוקסן צו גע-פונען אַן עצה אין אַ נויטיקער מינוט. דאָס האָט שוין עדות גע-זאָגט אויף אונז דער פאָלקאָווניק אָנזערער, פאַוועל אַקימאָוויץ — אין גן-עדן זאָל ער זיין צווישן אַלע חסידי אומות-העולם! — אַ פלינקער סאָלדאַט, אַ ניכטערער אָפיצער און אַ גוטהאַרציקער באַשיצער איז ער געווען, אַט דער פאַוועל! אויב ער איז אַן אָדלער געווען — זיינען מיר זיינע יונגע אָדלערלעך געווען, אויב אַ לייב — זיינען מיר זיינע יונגע לייבעלעך געווען. און אַזוי פלעגט ער זאָגן:

— דו האָסט נישט קיין בעסערן סאָלדאַט אין אַ נויטיקער מינוט פון אַ יידן; דו דאַרפסט וויסן, ווי זיך צו באַגיין מיט אים. גיב נישט דעם יידישן סאָלדאַט קיין אויספירלעכע, אויס-געטייטשטע „פריקאַזן", דו זאָג אים נאָר בקצור, וואָס דו ווילסט און וואָס דו דאַרפסט, און דעמאָלט קאָנסטו שוין זיכער זיין, אַז פון גיהנם אַפילו וועט ער דיר אויך דיינס ברענגען!

קוים האָב איך זיך פאַרנומען אויסצוגעפונען דעם סוד וועגן אַננאַן, האָב איך אָנגעהויבן זוכן פלענער און האָב געפונען:

דאָס איז געווען אין אָנהויב פרילינג. כלאָפּאָוו איז אַוועק אין די נאָנטע דערפער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זיין רשות, איינצומאָנען פּאָדאַטקעס פון די פּויערן, און האָט זיך געזוימט אין וועג עטלעכע טעג.

יענעם גאַנצן טאָג האָט מיך אַננאַ געפּייניקט, אויף איר שטייגער: אַרומגעשיקט מיך כּסדר מיט איבעריקע שליחותן, גע־פּאָדערט פון מיר צוויי אַרבעטן פאַר איין מאָל, און בכלל גע־שריגן, געשאָלטן, געשטויסן, געריסן פאַרן אויער — זי איז שוין געווען איין מאָל אַ בריה אויף צו פּייניקן און דעם טויט צו מאַכן. ביינאַכט בין איך געלעגן אויף מיין געלעגער אין פאָרהויז. דאָס איז געווען מיין שטענדיק אָרט צום שלאָפן. אַננאַ האָט זיך געלייגט אויף איר געלעגער און איז נאָך נישט אַנטשלאָפן גע־וואָרן. מאַרוסיע אָבער איז שוין געווען פאַרזונקען אין שלאָף. דערווייל האָט אַננאַ זיך דערמאָנט, אַז זי האָט פאַרגעסן די טיר פון שטוב צו פאַרשליסן. און האָט מיך געוועקט, איך זאָל אויפ־שטיין און פאַרשליסן. איך האָב מיך געמאַכט שלאָפנדיק און האָב אָנגעהויבן כראָפּען. זי רופט און איך כראָפּע. פּלוצלינג האָב איך אָנגעהויבן שרייען פון שלאָף מיט אַ ציטערדיקער שטימע און אויף יידיש:

— אוי, מאַמע! לאָז אָפּ אַננאַן! זי איז דאָך אַ מאַמע פון קינדער! ס'איז אַ רחמנות אויף איר טאָכטער, לאָז אָפּ!

אַננאַ איז שטיל געוואָרן. איך עפן עטוואָס די אויגן, און קוק אַריין דורך דער אָפענער טיר צו איר אין צימער. אויפן טיש נעבן איר בעט ברענט אַ ליכט. איך טו אַ קוק אויף איר — זי טרייסלט זיך און האַלט אָנגעשטעלט די אויערן. איך חזר איבער נאָכאַמאָל מיינע געשרייען מיט אַ שטיקל שינוי:

— איך בעט דיך, מאַמע! וואָס איז זי שולדיק? זי גיט דאָך מיר עסן! זי איז אויך אַ מאַמע! — און הויב אָן וויינען פון שלאָף.

— אַזוי? — רוף איך אויס פאַרוווּנדערט און וויינענדיק — אַננאַ? אַ יידיש קינד?

איך זע, אַז אַננאַ בויגט זיך איבער צו מאַרוסיעס בעטל, אַזוי ווי זי וואָלט מורא האָבן, כאָמער וועט מאַרוסיע הערן דאָס, וואָס זי דאַרף נישט הערן. זי האָט אָנגעטאָן אַ קלייד, איז אַראָפּגעגאַנגען צו מיר, און אָנגעהויבן מיך וועקן שטילערהייט:

— דו שלאָפסט? שטיי אויף! שטיי אויף!

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און אויסגעשטעלט אַ דערשראָקן פּנים:

— וואָס האָסטו געוויינט?

— איך האָב געהאַט אַ שווערן חלום.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

איך שווייג.

— דערצייל, דערצייל!

— איך האָב געזען די מאַמען!

— זי לעבט נאָך?

איך האָב זי אָפּגענאַרט און געזאָגט, אַז זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן.

— און וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— זי האָט געזאָגט, אַז... אַז...

— דערצייל, דערצייל!

— איך קאָן נישט אויף רוסיש.

— דערצייל אויף יידיש!

איך קוק זי אָן מיט אַ געמאַכטע פאַרוווּנדערונג.

— זי האָט געזאָגט, אַז אויב אַננאַ וועט מיר אָנטאָן צרות, וועט זי קומען ביינאַכט און זי דערשטיקן.

די פאַרבן אין אַננאַס געזיכט האָבן זיך געביטן.

— און נאָך האָט זי געזאָגט, אַז אַננא דאַרף רחמנות האָבן אויף יידישע קינדער, ווייל... ווייל זי איז אַ יידישע טאָכטער.

— — — — — — — — — — — — —

מיין איינפאַל איז נישט געווען אינגאַנצן אומזיסט: פּ דעמאָלט אָן איז די באַציונג פון אַנגאַן צו מיר געוואָרן גאָר אַן אַנדערע.

מיין לאַגע איז נישט נאָר געענדערט געוואָרן, נאָר פּשוט אינגאנצן איבערגעקערט געוואָרן. מיר דאַכט, אַז זי האָט זיך געפרייט, ווען זי האָט געקאָנט בלייבן אַליין מיט מיר אין שטוב און פּלוידערן מיט מיר. דו דאַרפסט וויסן, אַז איר לאַגע אין דאָרף איז געווען נישט זייער קיין גוטע. קיין סך באַקאַנטע האָט זי נישט געהאַט און בעסער וואָלט זיין, ווען זי וואָלט זיי גאָרנישט האָבן. קוים פלעגן זיי אַריינקומען צו איר, האָט זיך אַ שותפותדיקער חשד אַרויסגעוויזן אין זייער ריידן און אין זייער זיצן. צופיל כבוד האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע אָפּגעגעבן, צופיל פריינטשאַפט האָבן זיי זיך איינע די אַנ ערע אַרויסגעוויזן — נישט ווי ס'פירט זיך ביי מענטשן. ס'איז קענטיק געווען, אַז יעדע איינע וויל מיט אירע ווערטער פאַרטויבן דאָס, וואָס זי טראַכט און פילט. יעדער שמועס זייערער פלעגט זיך אָנהויבן מיט וואָס ס'איז און ענדיקן מיט אַ רכילות וועגן פרויען, וועלכע זיינען נישט אָפגעהיט אין די ענינים פון דער „צערקאָוו"; און ווי זיי פלעגן צוקומען דערצו, פלעגט אַנגאַ רויט ווערן פון שרעק, טאָמער וועט זי רויט ווערן; און ווען זי האָט געפילט, אַז זי איז אינגאַנצן רויט, ווי פייער, האָט זי אָנגעהויבן שטאַמלען, און באַהאַלטן איר צעטומלטקייט און אַרויסגעוויזן איר ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דעם נייעם גלויבן.

אַוועקגיין פון איר פלעגן די דאָזיקע גוטע באַקאַנטע אײ בערוואַרפנדיק זיך מיט כיטרע בליקן, און אַנגאַ וואָלט געדאַרפט זיין אָדער אַ צו גרויסער נאַר אָדער אַ צו גרויסע חכמה, אום נישט צו פילן דעם גיפטיקן ביס פון די דאָזיקע בליקן.

די באַציונגען פון פיאָטערן צו איר זיינען געווען גאַנץ גוטע. ווען זיי פלעגן זיך צייטנווייז קריגן איז מערסטנטייל זי אין דעם שולדיק געווען. אַזוי, למשל, געדענק איך, איינמאָל,

באַכדעם, ווי איך האָב שוין געוווסט איר סוד, ווען איך בין געלעגן אויפן בעט און האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, האָט זיך פונם שלאָפצימער געהערט אַ קריגערײַ צווישן מאַן און ווײַב. זי איז אָנגעפאַלן אויף אים דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרגעסן צו ברענגען אײַל צו דער „לאַמפּאַדע". דאָס איז אַ יום־טוב־טאָג געווען און כלאָפּאָוו האָט פאַרגעסן אָן דעם, אָדער ער האָט זיך סתם נישט וויסנדיק געמאַכט. אין די ענינים פון דער אמונה איז כלאָפּאָוו בכלל געווען אַ קל שבקלים, און אַנגאַ פלעגט שטענדיק האָבן פּרעטענזיעס צו אים פאַר זײַן פרײַקײַט. זי האָט אים אַזוי דערעסן מיט אירע טענות, אַז ער האָט פאַר־לוירן דאָס געדולד און איר אַ זאָג געטאָן:

— ווען איך וואָלט זײַן אַזוי פרום, ווי דו ווילסט, וואָלט איך אפשר חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס איז... אַ... אַ פרומע קריסטן.

ס׳קאָן זײַן, אַז ער האָט נישט געמיינט זי צו באַליידיקן און צו דערמאָנען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרגעסן; ס׳קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען בײַ אים אַ גערעכטע טענה; אַנגאַ אָבער האָט זיך געפונען באַליידיקט און אָנגעהויבן וויינען.

דאָס איז געווען אַנגאַס חסרון, איר שטענדיקער פעלער כמעט, וואָס איר געפיל איז געווען צו פיל פאַרשאַרפט, זי האָט געפילט נישט נאָר דאָס, וואָס מ׳האָט געזאָגט וועגן איר, נאָר אויך דאָס, וואָס מ׳האָט געקאָנט פאַרשטיין אונטער די ווערטער, און יעדעס באַליידיקונגס־וואָרט, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן סתם אין דער וועלט אַרײַן, איז זי גרייט געווען אָנצונעמען אויף איר חשבון. דעם זעלביקן מום קאָן מען געפונען בײַ אַלע „געכאַפּטע" כמעט: איך האָב אַמאָל געדינט אין לידריסעס אַרמײ. אין מײַן פאָלק זײַנען געווען אַ מאַסע טאַטאַרן, אַ ביסל קאַראַ־ימער און אַ שפּאָר ביסל יידן. איז געבוג געווען איין סאָלדאַט זאָל אַ געשרײַ טאָן: „אַנטיכריסט" — און די יידן זײַנען גלײַך אויפגעטרייסלט געוואָרן, און נאָר די יידן! די טאַטאַרן און די קאַראַימער פלעגן נאָך אדרבא זיך אַליין באַנוצן מיט דעם

גאָמען אויף אָנצורופן מיט אים זייערן אַ חבר, אַפּילו אַ קריסט. ביי יידן איז דאָס געפיל שטאַרק פאַרשאַרפט...

בקצור, אַנגאַן האָט זיך נישט יום־טובדיק געלעבט. זי איז עלנט געווען. זי איז אַ שווייגערן געוואָרן, ווייל זי האָט עס געמוזט ווערן, און דאָס איז אַ גרויס אומגליק פאַר די דאָזיקע נפשות. ווייבער האָבן ליב צו פּלוידערן, און נעמסטו זיי צו די מעגלעכקייט צו פּלאַפּלען מיטן צונג, פאַרשאַפסטו זיי דערמיט גרויס צער.

פון דעם טאָג אָן, וואָס איך בין דערגאַנגען דעם סוד אירן, בין איך געוואָרן איר מיטריידער. זי האָט זיך איצט אָפּגענומען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געמוזט שווייגן און געהאַלטן אין איין פּלוידערן מיט מיר. און פּלוידערנדיק האָט זי מיר דערציילט פאַרשיידענע זאַכן און שפּעטער – פּונקט דעם היפך: זי האָט מיר דערציילט, אַז זי בענקט נאָך איר שטעטל און נאָך אירע קרובים, און אַז זי האָט זיי פיינט, ווי דעם טויט. ס'קאָן אַפילו זיין, אַז ביידע זאַכן זיינען אמת געווען. זי האָט פיינט געהאַט אירע קרובים, ווייל זיי האָבן איר אַ סך צער פאַרשאַפט.

און ווי נאָר ס'האָט זיך אויפגעבונדן ביי אַנגאַן דאָס קניפּל פון די „צען מאָס", האָט עס זיך שוין צוריק נישט פאַרבונדן. זי האָט זיך נישט געהיט צו ריידן יידיש נישט פאַר מאַרוסיען און נישט פאַר יעקבן, וועלכער פלעגט אָפּט אַריינקומען צו מיר. אַנגאַ האָט אים אָנגעהויבן אויפנעמען מיט אַ צופרידן פּנים. נאָר מאַרוסיע פלעגט אויסמיידן די געלעגנהייט צו ריידן מיט אים. זי האָט אים פּשוט פיינט געהאַט.

אַנגאַס שטוב איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ מין יידישע קאָלאָניע, אַ יידישע קלויז, באַזונדער ווען פיאָטר איז אינדערהיים נישט געווען. מיר פלעגן זיך דאָרט צוזאַמענקומען און ריידן יידיש. ביי אַנגאַן אין שטוב האָבן מיר זיך געפילט פריי. זי איז געוואָרן די מאַמע פון די קאַנטאָניסטן אין גלות, און מאַרוסיע האָט אויך אָנגעהויבן פּלאַפּלען יידיש.

יעקב האָט געפילט, אַז אונזער קהילה גייט איבער פון זיין רשות אין דעם רשות פון אננאַן, און דאָס האָט אים פאַרדראָסן. אננאַ האָט אים אַרויסגעוויזן מער פריינטשאַפט, ווי אונז אַלעמען; זי האָט אים געשעצט, און אָפט פלעגט זיך דאַכטן, אַז זי האָט מורא פאַר אים.

דו דאַרפסט וויסן, אַז אָט דידאָזיקע פרוי האָט אין דער אמתן נישט פאַרלאָזט איר גלויבן, נאָר זי האָט אויף זיך גענומען די שווערקייט פוןביידע גלויבנס. זייענדיק אַ יידישע טאָכטער האָט זי מורא געהאַט פאַר דעם יידישן גיהנם — איצט איז איר צוגעקומען אויך די מורא פאַר דעם גוישן גיהנם. איך בין איר חושד, אַז זי האָט נאָך געקאָנט „ויהי נעם" זאָגן אויף אויסעווייניק; אין חלומות האָט זי געגלויבט — אין דעם זיינען דאָך אַלע פרויען גלייך — און זען פלעגט זי חלומות גאַנץ אָפט. יעקב ווידער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער קאָן פותר זיין חלומות און ער פלעגט איר אויסטייטשן און באַשיידן יעדן חלום אירן.

מיר זיינען שוין אַזוי צוגעוויינט געוואָרן דערצו, מיר האָבן זיך שוין אַזוי פיל דערלויבט אין דעם הויז, אַז איינמאָל האָבן מיר זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טיפן יידישן שמועס, און האָבן גאָרנישט באַמערקט, ווי פיאָטר איז אַריינגעקומען אין שטוב. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן אונז, האָט זיך אָנגעהויבן אַריינמישן אין אונזער שמועס, אין זיין שטענדיקער שמייכל איז אים געלעגן אויפן פנים. ער פרעגט און מיר ענטפערן; מיר פרעגן, און ער ענטפערט — אויף ריין יידיש, ווי מיר וואָלטן כסדר אַזוי ריידן מיט אים. דעמאָלט האָט זיך מאַר סיע אַ כאַפּ געטאָן און אויסגעשריען מיט אַ פריילעכער פאַרוואונדערונג:

— טאַטע! דו קאָנסט אויך ריידן יידיש?

מיר האָבן זיך אַלע אַ צאַפּל געטאָן, גלייך, ווי מ'וואָלט אונז דאָ געכאַפּט ביי אַ גנבה.

זיין שמייכל איז נאָך ברייטער געוואָרן, האָט זיך צעגאָסן איבער זיין גאַנצן פנים — און ער האָט געזאָגט:

— וואָס דען האָסטו געמיינט? איך קאָן נישט? הלוואי וואָלסטו אַזוי געקאָנט, ווי איך!

די דאָזיקע מעשה האָט אַרויסגערופן ביי מיר אין האַרצן אַ חשד אויף פּיאָטערן, אַז ער איז אויך אַ געשמדטער און איך האָב באַשלאָסן צו פרעגן אַנגאַן וועגן דעם.

זי האָט מיר ערקלערט דעם טעות: פּיאָטר איז פון קינדווייז־אויף דערצויגן געוואָרן אין אַ יידישער שטאָט. ער איז דאָרט אויך געווען אַ שרייבער אין מאַגיסטראַט, און האָבנדיק שטענדיק עסקים מיט יידן, האָט ער זיך אויסגעלערנט ריידן יידיש. דערווייל האָט זי מיר דערציילט, אַז ער האָט ליב יידן און איז אַ זעלטענער מענטש. ווען נישט דאָס, וואָלט זי קיינמאָל נישט געטאָן אַזאַ נאַרישקייט, ווי שמדן זיך — און אַוועק מיט אים.

— ווי הייסט די שטאָט, וואָס איר זאָגט? — פרעג איך פון נייגיריקייט וועגן.

זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער שטאָט, און אַ שוידער איז מיר דורכגעלאָפן איבערן לייב.

— און ווי האָט געהייסן אייער טאַטע? — פרעג איך מיט אַ ציטערדיקן קול.

— בענדעט.

— ער איז אַ שענקער געווען?

— יאָ. פונוואַנען ווייסטו? דאָס איז אפשר דיין שטאָט?

איך האָב איר געזאָגט, ווער מיין טאַטע איז — און ביידע האָבן מיר אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.״ — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווי דער אַלטער האָט געהאַלטן אין דערציילן, איז די פינסטערניש צעשווימען געוואָרן. איך האָב אויפגעהויבן די אויגן

אין דער הייך — און איבער אונזער וואָגן איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פינסטערער הימל, קיילעכדיק פאַרשפּרייט מיט מיליאָנען צעוואָרפענע שטערן.

VIII

ס'האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט. מיר האָבן זיך צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, כּדי זיך צו דערוואַרעמען, דער אַלטער האָט זיך איינגעגאָרעט אין זיין אַלטן כאַלאַט און ווייטער דערציילט:

„אונזער קליינער קבוץ, כאָטש ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון תּורה און מצוות, און דעם עול פון אַ ביי ער תּורה האָט ער אויך נישט געוואָלט אַרויפנעמען אויף זיך — איז פונדעסטוועגן פאָרט נישט געבליבן הפקר. אונזער בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס מיר האָבן נישט געטאָרט, האָט אונז געבראַכט צו דעם, אַז מיר האָבן זיך באַשאַפן אַן אייגענע תּורה מיט אייגענע מצוות.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן מיר שטרענג מדקדק געווען אין דעם, נאָך איידער מיר האָבן זיך געמאַכט אונזער קליינזל ביי אַנגאַן, זיך צוזאַמענצוקומען יעדן שבת און רעדן ווייניקסטנס עטלעכע מינוט יידיש; זאָל זיין נאָר צוויי דריי ווערטער — אַבי מיר זאָלן יוצא זיין אונזער חוב. דאָס איז געווען ביי אונז פון יענע זאַכן, וואָס מיר זיינען מחויב זיך איינצושטעלן פאַר זיי אין אַ סכּנה.

„מודה אני" פלעגן מיר נישט זאָגן, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אונזערע בעלי־בתּים זאָלן אונז נישט כאַפּן דערביי —

פאַר אַזאַ עבירה פלעגט מען אונז געבן שמיץ. מיר פלעגן דע־ריבער דידאָזיקע ברכה נאָר טראַכטן; ביי דעמדאָזיקן טראַכטן אָבער, פלעגן מיר מוזן שטיין אומגעקערט מיטן פנים צו יענער זייט, וואָס אונז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט איז אונזער היים ווו אונזערע עלטערן רוען, און פון דאָרט זיינען מיר גע־קומען.

אַ שטיקל „ארבע כנפות" האָט זיך געפונען ביי יעקבן. די ציצית זיינען שוין לאַנג אָפּגעריסן געוואָרן, כדי מ'זאָל אים נישט באַמערקן און מיר זאָלן דערפאַר נישט כאַפּן קיין שמיץ; נאָר דאָס דאָזיקע שטיקל איז געווען ביי אונז באַהאַלטן בחדרי חדרים, און מיר פלעגן עס קושן, ווען מ'האָט נאָר געקאָנט, גלייך — ווי אַ ספר־תורה.

איין שעה אין שבתדיקן טאָג און אין די טעג, וואָס לויט יעקבס חשבון זיינען געווען ימים־טובים, — האָבן מיר געדאַרפט רוען און נישט טאָן קיין שום אַרבעט. איין שעה ווידער אין די זונטאָגדיקע טעג און אין די גוישע חגאות האָבן מיר גע־דאַרפט טאָן עפּעס אַ מלאכה — לכל הפחות רייסן פּאַפּיר אָדער ברענען פייער.

און נאָך אַ סך אַזעלכע מצוות, וואָס מיר האָבן זיי נישט אויסגעטראַכט פון קאָפּ אין איין טאָג. זיי זיינען פון זיך אַליין אויסגעאַרבעט געוואָרן, יעדערע אין איר צייט און זיינען אַזוי שטאַרק פאַרהייליקט געוואָרן ביי אונז, אַז מיר האָבן זיי געהיט אויך שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געהאַט אונזער קלייזל ביי־אַננאַן אין שטוב.

צו דעם אַלעמען איז נאָך יעקב אָנגעשטאַנען אויף מיר מיט זיין תורה, אַז „דער וואָס איז אין גלות, טאָר נישט באַ־קומען קיין שום טובת הנאה פון דעם, וואָס איז נ י ש ט אין גלות", און האָט גאָרנישט געשפּירט, אַז ער אַליין זינקט אַלע מאָל טיפער אין די טובות, וואָס אַננאַ טוט אים. ווי ער האָט מיך געזען שטייענדיק מיט מאַרוסיען, איז ער אַריין אין מיטן און אָפּגעזוכט אַ תירוץ מיך אַוועקצונעמען פון איר. אין האַרצן

בין איך דערפאַר אין כעס געוואָרן אויף אים; נאָר שטעלן זיך קענען אים האָב איך נישט געקאָנט. די זאַך איז געקומען אַזוי־ ווייט, אַז ביי מאַרוסיען האָט געפּלאַצט דאָס געדולד, און זי האָט אויסגעלאָזן איר גאַנצן כעס צו מיר: זי האָט זיך אינגאַנצן פון מיר דערווייטערט.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אומגליק. ביז דאַן האָב איך גאָרנישט געוווּסט, ווי שטאַרק איך בין צוגעבונדן צו דעם מיידל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ביי מיר אין האַרצן איז עפּעס פּלוצלינג ליידיק געוואָרן. איך בין אינגאַנצן פרעמד געוואָרן אין שטוב. אַלע רעדן, לאַכן, און איך שווייג, ווי אַן אָבל. איך האָב זי געזוכט, איך האָב זיך געיאָגט נאָך אַ בליק פון אירע אויגן, איך האָב געוואָלט זי זאָל מיך אָנקוקן, אונזערע בליקן זאָלן זיך באַגעגענען — זי איז אָבער אַנטלאָפן פון מיר. ניין, זי איז נישט אַנטלאָפן, נאָר פּשוט — זי זעט מיך נישט, זי ווייסט נישט, אַז איך בין פאַראַן אין שטוב.

איינמאָל האָב איך געפּאַקט יעקבן אַליין און האָב אים אָנגעהויבן זידלען: „מיך קוקסטו נאָך, — און דו — וויפיל טובות האָסטו פון אַננאַן?"

יעקב אָבער האָט מיר געענטפערט רויק און געלאַסן: לאָמיר אָננעמען, אַז איך פיר זיך אויך נישט אָרנטלעך. ביסטו דאָך שולדיק: דו דאַרפסט מיך נישט דערלאָזן דערצו, אַזוי ווי איך דערלאָז דיך נישט! שטעל דיר פאָר, איך אַליין האָב אויך צער דערפון!

און איך — איך בין גרייט געווען אים מוחל צו זיין זיין חטא, אַבי נאָר ער זאָל מיר מוחל זיין מיינעם... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס איז פאָרגעקומען שבת. מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען צו די „פּראָבעס". איך בין געשטאַנען אין דער ערשטער רייע און אין דער צווייטער רייע, ריכטיק אונטער מיינע פּלייצעס, איז געשטאַנען יעקב.

די פּראָבעס זיינען דעמאָלט געווען אונגעהויער־שווערע, יענע, וואָס מ'רופט „דריי מאָל נעמען". דער סאָלדאַט האָט גע־

דאַרפט אויסציען זיין לינקן פוס אין אַ גלייכער ליניע און אויסגעבויגן אַזוי, אַז די שפּיצן פינגער האָבן זיך געדאַרפט עטוואָס נאָר אָנרירן אָן דר׳ערד. דאָס איז אומגעוויינלעך שווער, ווייל דו בלייבסט שטיין אינגאַנצן אויף איין פוס און דער אַנדערער פוס איז פאַר דיר אַן איבעריקע משא, אַזוי דאַרפסטו שטיין ביז דו הערסט דעם געשריי „נעמען דאָס צווייטע מאָל“. דעמאָלט מוזטו אין דער רגע זיך אַוועקשטעלן אויף דעם אויס־געצויגענעם פוס, און איינבויגן דעם רעכטן אויפן קני. ביים דריטן מאָל נעמען דאַרפסטו אַרויסשטעלן פאָרנט דעם איינגע־בויגענעם פוס.

דאָס מאָל האָט מען מיך ביים ערשטן נעמען צו לאַנג געהאַלטן. מיינע אָדערן האָבן אָנגעהויבן ציטערן. אונטערן לייב פון די פיס האָב איך געפילט אַזוי ווי שטעכעדיקע נאָדלען. מיר האָט זיך פלוצלינג געדאַכט, אַז דער פוס איז מיר אָפּגענומען געוואָרן, און איך הענג אין דער לופטן. איך בין אומגעפאַלן.

דאָס איז געווען מיין ערשטער חטא אין דעם טאָג, דער־ווייל האָט זיך דער אונטער־אָפיציר געמאַכט ווי נישט באַמער־קנדיק דאָס, און איך האָב מיך געטרייסט, אַז דאָס וועט אַריבערגיין גלאַט.

דער אונטער־אָפיציר איז געווען פאַרנומען מיט דעם לעצטן פון דער רייע: אים איז נישט געפעלן געוואָרן זיין שטיין. דערווייל איז אין מיר אַריין אַ מין עקשנותדיקע קליפה: מיר האָט זיך פאַרוואָלט מקיים זיין די מצוה פון „רעדן יידיש“. איך האָב מיך איבערגעבויגן אויף הינטן צו יעקבס אויער און איינ־גערוימט אים: „דעם גאַנצן טאָג וועט ער מיך דאָ מאַטערן! ווען־זשע וועלן מיר האַלטן שבת?“

אין דער מינוט גראָד איז דער אונטער־אָפיציר פאַרביי־געגאַנגען צווישן די רייען. און איז צוגעקומען פון הינטן נעבן מיר. האָט ער דערהערט, אַז איך רייד יידיש, — אַלע קאָמאַנ־דירן האָבן לעבער אין די אויערן — און דאָס איז געווען אַזאַ מין חטא, וואָס מ׳האָט קיין קאַנטאָניסט בשום אופן נישט

מוחל געווען. דערפאַר האָט מען געמוזט אָפּקומען נאָר מיט שמיץ.

ביי מיר האָבן זיך צוזאַמענגעפּאָרט צוויי חטאים; און אַהיים בין איך שוין נישט געקומען ליידיק: מען האָט מיר באַפוילן איך זאָל קומען מאָרגן קריגן צוואַנציק שמיץ.

איך האָב אויפגענומען דעם באַפעל מיט דער געוויינלעכער סאָלדאַטישער דיסציפּלין און קאַלטבלוטיקייט.

דאָס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיין אונטער-אָפיציר. ער איז געווען אַן עכטער סאָלדאַט מיט לייב און זעל און האָט פיינט געהאַט די שרעקעדיקע און די וויינענדיקע, ווי דעם טויט.

ער האָט מיר געוויזן אַ פריינטלעך פנים און געזאָגט:

אַזוי ווי דו ביסט אַ גוטער סאָלדאַט, וועל איך דיר פאַר-גרינגערן דיין שטראָף: די ברירה איז ביי דיר און דו קאָנסט צעטיילן די צוואַנציק שמיץ אויף צוויי מאָל: צען וועסטו קריגן מאָרגן און צען קאָנסטו אָפּלייגן אויף ווען דו ווילסט.

די דאָזיקע פאַרגרינגערונג פלעגט זיך נוהג זיין ביי די קאַנטאָניסטן, ווען מ'האָט באַטראַכט איינעמס קערפּער און איינ-געפונען, אַז ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן די גאַנצע צאָל שמיץ פאַר איינמאָל! אָדער ווען מ'האָט איינגעפונען, אַז דער זינדיקער פאַרדינט, מ'זאָל אים פאַרגרינגערן די שטראָף. אין פלוג איז דאָס דאָך געווען אַ פאַרגרינגערונג; אין דער אמתן אָבער איז די דאָזיקע פאַרגרינגערונג נאָך ערגער געווען, ווי די שטראָף אַליין. ס'איז דיר שווער געוואָרן צו עסן, צו טרינ-קען, צו שלאָפן — צו לעבן אויף דער וועלט ווען דו האָסט זיך דערמאָנט אין יעדער רגע, אַז דיינע פּלייצעס זיינען ביי דיר נאָר געליגענע; אַז ווען ס'איז וועסטו דיך דאַרפן אויסציען אויף דער ערד, האַלטן איין רייטער אויפן האַלדז און דעם אַנדערן — אויף די פיס און ריטער וועלן זיך אויפהויבן און אַראָפּלאָזן איבער דיין לייב איינס... צוויי... דריי...

און שרעקלעך איז דער וויטאָק. דו פילסט, אַז מ'האָט פון דיר אַ שטיק פלייש אָפּגעריסן... און אַ פרישער שמיץ לאָזט

זיך אראָפּ אויף דעם צעריסענעם אָרט און רייסט אויף אַ פּריש־ שטיק פליישׁ... און אַ שמיץ נעבן אַ שמיץ... און אַ שמיץ איבער זיי ביידע... און שרייען ווילסטו, נאָר דו ביסט שוין הייזעריק... און מיט די נעגל גראָבסטו די ערד אונטער דיר, די נעגל אָבער זיינען שוין ווייך געוואָרן... און בייסן דיין אייגן לייב ווילט זיך דיר, נאָר דיין לייב איז נישט ביי דיר אין רשות, און דיין האַלז וויל זיך נישט אַ דריי טאָן אַהין אָדער אַהער, אַזוי לאַנג ווי מ'זיצט און מ'רייט אויף אים.

שווער איז די דאָזיקע שטראָף ווי דער גיהנם; נאָך שווערער אָבער איז געווען דאָס וויסן, אַז דו דאַרפסט אָפּקומען אַזאַ שטראָף. דאָס איז אַזוי, ווי מ'וואָלט דיך כסדר געשמיסן.

ס'האָט זיך דעריבער געעפנט דעמאָלט ביי מיר דאָס מויל און איך האָב געזאָגט:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! איך בין גרייט זיך צו לאָזן געבן בעסער פינפאונצוואַנציק שמיץ פאַר איינמאָל, איידער צוויי מאָל צו צען.

— פאַרוואָס?

— ווייל אַ רוסישער סאָלדאַט האָט נישט קיין צייט צו פירן אַזעלכע חשבונות, וועלכע האָבן אַ שייכות נישט צו אים נאָר צו זיינע פּלייצעס: ער טאָר אַפילו איין מינוט נישט פאַר־ געסן די „סלוזשבע" זיינע!

דער אונטער־אָפיציר האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פריינטלעכער מינע און אומגעביטן די צוואַנציק שמיץ אויף צען.

דאַן האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט פאַר אים און אָפּ־ געבנדיק אים „טשעסט" האָט ער געזאָגט:

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! נישט ער איז דאָ שולדיק, נאָר — איך. איך האָב עס גערעדט צו אים. ער האָט געשוויגן. און פריער ביים אומפאַלן בין איך אויך שולדיק געווען; איך האָב אים פאַרטשעפּעט דעם פוס. איך בין גרייט זיך צו לאָזן שמייסן פאַר אים, ווייל איך בין שולדיק.

דער אונטער־אָפיציר האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ פריילעכן בליק און געזאָגט:

— דיין כונה איז זייער גוט, ווען דו ווילסט זיך אָננעמען פאַר דיין שולדיקן חבר; דו קאָנסט דינען אַלס ביישפיל פאַר אַלע יונגע סאָלדאַטן. רעביאַטאַ! איר הערט? אַלע זאָלט איר זיך אַזוי ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, ווי יעקב האָט ליב זיין שולדיקן חבר. דו זאָלסט אָבער וויסן, אַז דעם אונטער־אָפיציר קאָן מען נישט אָפּנאַרן, זיינע אויגן זעען אין אַלע זייטן. ער האָט געזען און וויס ווער דער שולדיקער איז!

איך בין געגאַנגען אַהיים יישט אומעטיק און נישט פריילעך. מיר דאַכט, אַז אין האָב זיך איינגאַנצן גאָרנישט געשפּירט. מיין גאַנצער גוף האָט מיר אויסגעזען, ווי נישט מיינער אַן אייגענער, נאָר אַ געליגענער אויף עטלעכע שעה.

אַ סך מאָל האָב איך זיך אין יענער נאַכט אויפגעכאַפּט מיר האָט זיך געזאַכט, אַז שלאַנגען קריכן אַרום איבער מיין לייב.

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען פרי און אַרויסגעגאַנגען מאַרוסיע איז נאָך געלעגן אויפן געלעגער האַלב דרימלענדיק.

— וווהין? — האָט מיר אַננאַ איבערגעשלאָגן דעם וועג.

איך בין אַ ווײַלע געשטאַנען שטיל, נאָר דערנאָך האָב איך אויפגעעפנט פאַר איר מיין גאַנץ האַרץ און איר אַלץ דערציילט.

אַננאַ האָט מיט מיטלייד געשאָקלט מיטן קאָפּ און טרערן האָבן געבלישטשעט אין אירע אויגן:

— אומגליקלעכער! און וווהין גייסטו?

— צום אונטער־אָפיציר; אָפּנעמען מיינס. אויב ס'איז שוין אַזוי נגזר געוואָרן — זאָל עס כאָטש געשען וואָס פריער.

— אויפן ניכטערן האַרצן?

— ס'אַלץ איינס — האָב איך אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און מיך געלאָזן גיין טריט ביי טריט.

איך האָב אָנגעטראָפן באַקאַנטע מענטשן און האָב זיי קיין

„גוט מאָרגן״ נישט געזאָגט. מענטשן זיינען מיר געגאַנגען פון הינטן און האָבן מיך איבערגעיאָגט-איך האָב מיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. איך האָב אין יענער צייט קיין אַנדער זאַך נישט געפילט אויסער מיינע פלייצעס און די ברענענדע ריטער.

דאָס האַרץ איז מיר דאָס מאָל אַזוי צעגאָסן געוואָרן, ווי מיין לייב וואָלט אין דער אמתן זיין זיידנס, און מיינע פלייצעס — גלאָז! ווי איך וואָלט גאָר קיין קאַנטאָניסט נישט זיין: מיר האָט זיך פלוצלינג פאַרוואָלט וויינען, ווי אַ בן-יחיד. די טרערן האָבן מיר געשטיקט אין האַלז.

דער אונטער-אָפיציר האָט געוווינט צוויי שעה גאַנג פון בלאָפאָוון, און ווען איך בין צוגעקומען צו זיין שטוב, בין איך געשטאַנען פאַרן טיר און געוואַרט, ער זאָל אַרויסגיין.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער פון אינעווייניק עפּעס אַ באַקאַנט קול... די שטימע איז מיר נישט פרעמד... טענות... וכוחים הער איך; איך קאָן אָבער נישט כאַפּן די ווערטער. און איך וויל זיי גאָרנישט כאַפּן. ס'האָט ביי מיר געפּלאַצט דאָס געדולד. איך האָב געוואָלט, דער אונטער-אָפיציר זאָל שוין אַרויסגיין, זאָל אָפּטאָן, וואָס ער האָט צו טאָן, און מ'זאָל מיך שוין אַוועקטראָגן אין שפּיטאָל, און פאַרבאַנדאַזשירן ווי ס'איז און ס'זאָל ווערן נאַכט און ווידער טאָג, און טעג זאָלן אַריבער-גיין, און איך זאָל צוריק געזונט ווערן. און אין דער זעלביקער צייט ווידער האָב איך געוואָלט, ער זאָל אַרויסקומען וואָס שפּעטער, כדי מיין ווייטאָק זאָל אויך וואָס שפּעטער קימען. מיין האַרץ איז צעטיילט געוואָרן אויף צווייען: איך האָב גע-וואָלט אין איין מינוט אי דאָס, אי דעם היפּוך דערפון.

ס'האָט זיך געעפנט די טיר. אויפן שוועל האָט זיך גע-וויזן — רבונו של עולם! וואָס איז דאָס ?... מאַרוסיע?

זי איז אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען מיטן אונטער-אָפיציר; מיט איין האַנט גלעט ער אירע צעפּ און אין דער אַנדערער האַנט האַלט ער אירע ביידע הענט. ער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— הורוויץ! דאָס דאָזיקע שיין מיידל בעט פאַר דיר! עס פּאַסט נישט פאַר אַ מיליטער-מענטש, נישט צו ערפילן די בקשה פון אַזאַ אָנשטענדיק פריילין. צוליב איר איז דיר אַלץ פאַרגעבן. גיי צוריק אַהיים!

ווען איך בין צוריקגעגאַנגען, האָב איך זיך אומישנע פאַרהאַלטן אין וועג, כדי מאַרוסיע זאָל מיך אָניאָגן. פאַר מיר האָבן זיך געצויגן שווער די רגעס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט שוין קיינמאָל פון דאָרט נישט אַרויסגיין. איז מיר איינגעפאַלן אין קאָפּ, זיך אומצוקערן צוריק און געוואָר ווערן, וואָס עס טוט זיך דאָרט מיט מאַרוסיען. נאָך אַלעמען, וואָס קאָן ער מיר מער טאָן, ווי שמייסן?

איך האָב מיך אומגעקערט.

צום גליק האָב איך מיך נישט געדאַרפט איינשטעלן אין געפאַר און צוגיין ביז דעם אונטער-אָפיצירס שטוב: איך האָב באַגעגנט מאַרוסיען אין וועג. זי איז מיר פאַרבייגעגאַנגען, האָט איינגעגראָבן אירע אויגן אין דער זייט וועג, אָט ווי איך וואָלט זיין נישט מער, ווי אַ שטיין, וואָס וואַלגערט זיך אויפן וועג.

— מאַרוסיע! — רוף איך איר פון הינטן.

זי גייט זיך ווייטער, ווי גאָרנישט הערנדיק.

זי האָט זיך אויף אַ סעקונדע אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט עפּעס אַ טראַכט טאָן. דאָס טיכל איז איר אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט; זי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן עס און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען איר וועג.

אַן עלנדער האָב איך מיך אומגעקערט צוריק אין דאָרף. אַננאַ איז מיר אַנטקעגן געקומען מיט טרערן פון שמחה אין די אויגן. איך האָב אויך אָנגעהויבן וויינען, נישט ווּיסנדיק פאַרוואָס. מיינע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן פון מאַרוסיען, און איך האָב נישט פאַרשטאַנען זייער באַדייטונג.“ —

— — — — — — — — — — — — — — —

די פערד, וואָס האָבן געשלעפּט אונזער וואָגן, האָבן דערשפּירט באַרג־אַראָפּ אונטער זייערע פיס, און זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן אין אַ טאָל, און האָבן אויפגעוועקט דעם בעל־עגלה, וואָס איז איינגעשלאָפן אויפן קעלניע זיצנדיק. דער בעל־עגלה האָט זיך אויפגעכאַפּט — און אַ הויב געטאָן די בייטש. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון די בעל־עגלות, סיי זיי פאָרן באַרג־אַרויף, סיי — באַרג־אַראָפּ. פּראָביר אויפוועקן אַ בעל־עגלה פון שלאָף אַפילו יום־כפור ביינאַכט אין שול — די ערשטע זאַך וועט ער אַ הויב טאָן די האַנט. די בייטש איז זיין שפּראַך, מיט וועלכער ער באַנוצט זיך אויף צו ריידן מיט די פערד. אַפילו גוטע, ליבלעכע ווערטער דריקט ער אויך אויס מיט דער בייטש. די פערד האָבן אָנגעהויבן מאַכן שנעלערע און ברייטערע טריט, און פון דער נידער האָבן זיך דערטראָגן צו אונזערע אויערן בילערייען פון הינט, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ דאָרף. פון דערווייטנס קלינגט עס דיר, ווי אַן איינלאַדונג און ווי אַ פריינטלעכע אויפנאַמע פון גאַסט־פריינטלעכע בעלי־בתים; נאָר וואָס נענטער דו קומסט צו צו זיי, אַלץ מער דערקענסטו דאָס בילן פון הינט, און הערסט אין דעם אַזעלכע אויסרופן, ווי: „אַוועק פון אונז!" „וואָן פון דאַנען"! „קיין פרעמדער טאָר דאָ נישט אַריינשמעקן!" און נאָך אַזעלכס. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אונז אַ וואַרעמער ווינט, עטוואָס אַ פאַרדומפּענער, און אַן אָנגעזאַפּטער מיט דעם רויך פון מיסט און דעם ריח פון מענטשן. נאָך אַ ווײַלע און פייערלעך האָבן זיך אונז אַרויסגעוויזן פון צוזאַמענגעשטופּטע און פאַנאַנדערגעוואָרפענע הייזער, טרייסטנדע פייערלעך, פייערלעך ווינקענדע און ציענדע.

דער בעל־עגלה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

XI

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַ ביסל דערוואַרעמט אין שענק, האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן. דער בעל=עגלה האָט אָנגעהויבן זיך דורכצושמועסן מיט זיינע פערד. און דער אַלטער האָט זיך אומגעקערט צו זיין דערציילונג:

איך בין אַרויסגעגאַנגען אַ „נשאר חיב“ צו צוויי שווערע בעלי=חובות. יעקב האָט זיך געוואָלט לאָזן שמייסן פאַר מיר, נאָר ער האָט דאָס נישט געפועלט; און מאַרוסיע האָט זיך באַמיט פאַר מיר, געגאַנגען צוויי שעה, האָט אָנגעבעטן דעם אונטער=אָפיציר און מיך מציל געווען. ביידע בין איך שולדיק, נאָר די טובה פון דעם ערשטן האָב איך מיך באַמיט צו פאַרקלענערן, כדי איך זאָל אים נישט שולדיק זיין קיין דאַנק און קאָנען פטור ווערן פון אים, ווייל זיין תורה איז פאַר מיר צו שווער געוואָרן; און די אַנדערע וויל פון מיר מיין דאַנק נישט אָננעמען.

אין יענער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן זען און פילן אין זיך אַ יונגן סאָלדאַט, וועלכער האָט זוכה געווען צו אַ פריינטלעכער באַציונג צו אים פון דער אַדמיניסטראַציע. דער אונטער=אָפיציר האָט מיר שוין אין די אויגן און אונטער די אויגן אַ סך מאָל גערופן „מאָלאָדיעץ“. איך האָב געפילט מיין ווערט, און מיליטערישע שטרעבונגען האָבן מיר אָנגעהויבן דאָס האַרץ צו ציען, איך האָב מיך געזען אין חלום אַמאָל פאַר אַן אָפיציר און אַמאָל נאָך גרעסער. איך קעמף אויפן שלאַכטפעלד... ווונדער באַווייז איך... צו יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן ריידן צווישן די סאָלדאַטן וועגן די טערקן. איך האָב וועגן דעם שטענדיק געפירט וכוחים מיט יעקבן: ער האָט מיר אויפגעוויזן, אַז די טערקן זיינען אייניקלעך פון אונזער פעטער ישמעאל — און איך האָב נישט געגלויבט; איך האָב עס בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן. ער האָט געזאָגט, אַז זיינע ישמעאלים זיינען גבורים, שטאַרקער ווי די לעמפערטן — און איך האָב

געזאגט: „גיט מיר צען טערקן, וועל איך זיי מיט איין קויל דורכשיסן!" די דאָזיקע וכּוחים האָבן אונדז אָנגעהויבן דערווייטערן איינעם פון אַנדערן. איך האָב אים נישט געקאָנט פאַרטראָגן מיט זיינע הזהרות, מיט זיינע וכּוחים, מיט זיין רעדן.

האָט זיך אַמאָל געטראָפן: מיר זיינען געשטאַנען ביי די פּראָבעס פון שיסן, יעקב האָט זיך געצילט אין דעם סאַמע ווייטסטן ציל גאַנצע צוועלף מאָל און אַלע צוועלף מאָל ריכטיק געטראָפן. דאָס מאָל האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון אַלע זיינע חברים. איז צוגעגאַנגען צו אים דער אָפיציר, האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל און ווייזנדיק אים אַ פריינטלעך פּנים, האָט ער אויסגערופן:

— בראַוואָ, יעקב! דו וועסט אין גיכן ווערן אַן אָפיציר. אויב דו האָסט עפּעס צו בעטן, בעט! איך וועל דיין בקשה ערפילן.

האָט זיך יעקב אַוועקגעשטעלט און געבעטן, מ'זאָל אים לאָזן אַלע טאָג זאָגן ידישע תּפילה און שבת זאָל ער זיין פריי פון די „פּראָבעס"

דער אונטעראָפיציר האָט זיך צעשמייכלט און האָט ערפילט זיין בקשה.

דעמאָלט האָט זיך שוין די אַדמיניסטראַציע לאַנג געהאַט מיאש געווען פון איר האָפנונג צו מאַכן פון אונדז גויים. זי האָט געזען, אַז די אַלע פּייניקונגען און די אַלע מיטלען האָבן אפילו אויף אַ האָר נישט געמאַכט אונדז פאַר אויס יידן. די אַדמיניסטראַציע האָט שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז ווען מיר שטייען אין דערפרי פאַרן צלם און זאָגן די עטלעכע ווערטער, טוען מיר עס נאָר דערפאַר, ווייל מ'צווינגט אונדז דערצו, און זי האָט עס אינגאַנצן מבטל געווען. יעקבס בקשה איז דעריבער נישט שווער געווען אויסצופילן.

פון דעמאָלט אָן איז יעקב געוואָרן אַ שרעקלעכער שונא פון די טערקן, ווי „קאַרליקעס" האָט ער זיי איצט פאַרגעשטעלט און זיין בעל-תּבֿיתס הונט האָט ער גערופן „טוראַק".

בכלל איז קענטיק געווען, אַז אין אים איז פֿאָרגעקומען עפּעס אַ שנוי, וואָס זען האָט מען עס נישט געזען, נאָר געפֿילט האָט מען עס.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעכער ווינטער, אפילו דער וועטער האָט זיך איצט געביטן און איז היינט שוואַכער, ווי אַמאָל. יעדער דור מיט זיינע מענטשן, יעדער דור — מיט זיינע ווינטערן. פֿאַר אַ יאָרן האָב איך געטראָפֿן סאָלדאַטן ציטערנדיק פֿון קעלט. אין אונזערע צייטן איז געווען אַ חרפּה פֿאַר אַ סאָלדאַט, דער פֿראָסט זאָל איבער אים אַ שליטה האָבן. יעדער דור מיט זיינע סאָלדאַטן, יעדער דור מיט זיינע צייטן.

בקצור. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער ווינטער. בערג שניי... די וועגן פֿאַרשאָטן... האָבן די פּויערן פֿון דאָרף נישט געקאָנט אַרויסטאָרן און זיינען אין דערהיים געזעסן; און נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָבן זיי געפּראַוועט חתונות. ווי דער מנהג איז זיינען אַלע געגאַנגען זען די חתונות. איך בין אויך געווען צווישן זיי. מיר האָט דער אָפיציר געשענקט באַזונדערע רעכט און האָט מיך געפּטרט פֿון אַ סך אַזעלכע פּראָבעס, וועלכע זיינען פֿאַר מיר אין דער אמתן איבעריק געווען; איך האָב מיך שוין געהאַט אויסגעפּרווט אויף אַלע זייטן, און געהאַט אַ סך צייט אויף צו גיין זען די חתונות. דער אָפיציר האָט שטאַרק ליב געהאַט כמעט די אַלע אונטערגעוואָקסענע קאַנטאָניסטן, ווייל זיי זיינען באמת געווען אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן; און וואָס איז דען די גאַנצע האָפֿנונג פֿון אַן אונטער-אָפיציר? אַז עס וועט קומען דער פּאָלקאָווניק אויספֿ־אָבירן די סאָלדאַטן, וועט ער אויסשרייען „בראַוואָ, אונטער-אָפיציר!“ אָט אַזוי ווי ער שרייט אויס צו אונז: „בראַוואָ, רעביאַטאַ!“

און די דאָזיקע חתונה איז געווען נישט ביי אַ פּראָסטן פּויער, נאָר ביי אַ רייכן, ביי איינעם פֿון יענע, וואָס זיינען זיך משתדל צו ווערן אויס פּויערים. און פֿאַרבעטן איז אויף דער חתונה געווען די גאַנצע „סמעטענע“ פֿון דאָרף: די עטלעכע טשינאָווניקעס, דער „גאָלאָוואַ“, דער שרייבער פֿון קאַנצעליאַריע און אַנדערע.

אונזער אונטער-אָפיציר איז געווען אַ פריילעכער. האָט ליב געהאַט פריילעך צו זיין און צו מאַכן פריילעך. אַ באַזונדער שוואַכקייט האָט ער אָפּט געהאַט פריילעך צו מאַכן זיינע סאָלדאַטן; ער איז אָבער שטענדיק געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן לאַכן פון זיינע אייגענע חכמות; און לאַכן האָט ער געקענט ביז צום טויט, און דעמאָלט איז אוממעגלעך געווען, דו זאָלסט אויך נישט מיטלאַכן מיט אים, אויב נישט פון זיינע חכמות, איז פון זיין פולן געלעכטער. אַ גוטער מענטש איז ער געווען. און דו זאָלסט נישט קוקן אויף דעם, וואָס ער פלעגט אונז גאַנץ אָפּט שלאָגן און שמייסן: אַזוי איז שוין געווען דער מנהג-העולם דעמאָלט. און ער אַליין איז אויך אויפגעוואַקסן און דערהויבן געוואָרן, קריגנדיק שמיץ נאָך אפשר מער פון אונז. אָט נעם דעם בעל-עגלה למשל, ער שלאָגט טאַקע זיינע פערד; וועסטו דען זאָגן, אַז ער האָט זיי נישט ליב?

ער האָט ליב געהאַט אָפּט אַ געשריי צו טאָן, נאָר אויך זיין געשריי פלעגט ווירקן אויף אים מער, ווי אויף די סאָלדאַטן. ער פלעגט בשעת מעשה אויסזען, ווי אַ „געהאָרכזאַמער סאָלדאַט". סאָלדאַטן וויצלער פלעגן זאָגן אויף אים, אַז ער שטעלט זיך אויף אַלע אין דערפרי ביי זיך אין צימער, און גיט אָפּ „טשעסט" דעם מונדיר זיינעם, וואָס הענגט דאָרט אויפן וואַנט...

און ליב האָט ער געהאַט ציימנווייז זיך אויסצומישן מיטן המון און פריילעך צו מאַכן דעם עולם; און דעמאָלט איז אויך ער אַליין מער פריילעך געווען, ווי ער האָט פריילעך געמאַכט אַנדערע.

ער איז אויך געווען פון די טענצערס אויף דער דאָזיקער חתונה.

מאַרוסיע איז אויך געווען פון די פאַרבעטענע געסט, און דאָס איז געווען ביי איר אַ נייעס, ווייל זי איז דערצו גאָרנישט געוווינט געווען. זי פלעגט אויסמיידן אַלע חתונות און הוליאַנקעס. די אומעטיקייט פון איר פנים פלעגט זיך שטאַרקער אַרויסווייזן, ווען זי האָט זיך געפונען צווישן אַנדערע מיידלעך

אומעטיקייט? ניין: אַ פ ר ע מ ד ע איז זי געווען. אַ פרעמדע און אַן עלנטע צווישן אַלעמען. ווע זי האָט געשוויגן, האָט זיך איר שווייגן געפילט אין די רוישיקע פלוידערייען. דאָס דזשיקע שווייגן אירס האָט כמעט אַ קול געהאַט. האָט זי ווידער געפלוידערט צוזאַמען מיט אַלע, האָט איר קול זיך אויסגעטיילט און זיך געהערט באַזונדער פון אַלע. איר קליידונג האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן אַלע קליידונגען, כאָטש אין פלוג זיינען זיי געווען אַלע די זעלביקע, דאָרפישע. איר גיין, זיצן און זי אינגאַנצן זיינען געווען עפעס אַ מין זאַך פאַר זיך, און פון איר אַריינקומען ביז איר אַוועקגיין האָט זי זיך געפונען אונטער אַ רעגן פון אויגן-פיילן, וואָס האָבן זי דורכגעשטאָכן.

איך האָב מיך דעמאָלט איינגעקוקט אין איר, און מ'ר האָט זיך געדאַכט, אַז איר געזיכט איז לענגער געוואָרן, דאָס מויל — איינגעצויגענער, די אויגן העכער און טיפער אריינגעזעצט אין זייערע ראַמען און זי אינגאַנצן — עפּעס אַזוי ווי איינגעקאָרטשעט. זי האָט מיר דערמאָנט אַ ביסל מיין מאַמען אום תשעה-באב ביינאַכט, ווען זי איז געזעסן צווישן אירע פראָסטע שכנות און געלייענט פאַר זיי „איכה“.

יענע גאַנצע נאַכט האָט דער אונטעראָפיציר געטאַנצט מיט מאַרוסיען. די איבעריקע מיידלעך האָבן זיך אין אָנהויב אָפּגעזאָגט צו טאַנצן מיט די פראָסטע יינגען: זיי האָבן געהאָפט, ווייזט אויס, אַז סוף-כל-סוף וועט דער אונטעראָפיציר צו זיי אויך צוגיין, און דער סוף איז געווען, אַז די יינגען זיינען אין כעס געוואָרן אויף די מיידלעך, די מיידלעך אויף מאַרוסיען און איך אויפן אונטעראָפיציר.

אין דער צייט, ווען מ'האָט זיך אָפּגערוט, איז פאָרגעקומען אַ שענדלעכע זאַך: דער יונג סערגיי איוואַנאָוויטש דעם גאַלאָוואַס זון און מיין אייביקער שונא — איז צוגעגאַנגען צו מאַרוסיען פון הינטן, און האָט אויסגעשריגן מיט אַ משונהדיק קול:

— „זשידאָווקאַ!“

אַ בייסנדיקער געלעכטער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די אָנגעבלאָזענע מיידלעך.

מאַרוסיע איז רויט געוואָרן, האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. אירע אויגן האָבן זיך פריער אָפּגעשטעלט אויף דעם אונטעראָפיציר, וועלכער האָט זיך געדרייט די וואָנסן, און גע־מאַכט כלומרשט אַ פאַרדראָסענע מינע.

מאַרוסיע האָט אָפּגעלאָזט פון אים אירע אויגן, און איר בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מיינעם.

איך האָב שוין מער נישט געקאָנט דולדן.

מיט איין שפרונג האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם באַליידיקער, האָב אים צוגעשלעפּט צו מאַרוסיען, אריינ־געפּאָרן אים איינס און צוויי און זיין האַלז איינגעשלאָסן פון הינטן אין מיין פויסט.

— בעט אַנטשולדיקונג! — האָב איך אים באַפוילן.

ער האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און זיך אַנטשולדיקט פאַר איר, ווי איך האָב אים געהייסן.

דער אונטעראָפיציר האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ צו־פרידן פנים, ווי איינער זאָגט: „גוט האָסטו געטאָן!“ און דאָס האָט מיך מציל געווען פון די איבעריקע יינגען. מאַרוסיע איז אַרויסגעגאַנגען און איך נאָך איר.

אין דרויסן האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן. זי האָט גע־שטאַמלט און וויינענדיק אַרויסגערעדט האַלבע ווערטער, איך האָב זיי אָבער נישט פאַרשטאַנען, ס׳איז קאָנטיק געווען, אַז זי האָט פּרעטענזיעס צו עמעצן. צו וועמען? מיר דאַכט, אַז צו דער מוטער, איך האָב איר געוואָלט טרייסטן און נישט געוווסט, מיט וואָס — זיינען מיר געגאַנגען ביידע שווייגנדיק.

אַ שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. פון דער חתונה־שטוב האָבן זיך דערטראָגן צו אונזערע אויערן אָפּגעריסענע קר יגערייען, זינגערייען און קולות פון דער מוזיק. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע קולות יאָגן אונז נאָך און שרייען: „זשידעס!“

ס'האָט זיך אין מיר פּלוצלינג צעוואָרעמט דאָס האַרץ, ווי איך וואָלט ווערן אַ מליץ־יושר פאַר יידן, און איך האָב אַרויסגערעדט:

— אויב עס איז אַזוי שווער איבערצוטראָגן איין איינציקע באַליידיקונג פון וועלכן ס'איז שגץ, — טאָ ווי שווער איז איבערצוטראָגן די באַליידיקונג פון גאַנצע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר בלישטשענדע אויגן, וויַיזט אויס, זי האָט אָנגענומען מיינע ווערטער אויף דעם רעכענונג פון איר ברוגז־זיין און זי האָט מיך געוואָלט איבערבעטן.

— יאָרן?! — האָט זי זיך געוווּנדערט — און וואָס טו איך דיר? איך וויל נישט, דו זאָלסט שטענדיק פּאָלגן יעקבן. ער איז אַ שלעכטער מענטש! ער האָט מיך פיינט! שטענדיק זוכט ער אונז פּאַנאַנדערצושיידן.

— ער האָט מורא, איך זאָל זיך נישט שמדן.

זי האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן איינעם פון יענע בליקן, וואָס מע האָט נישט געקאָנט ביישטיין קעגן זיי. — אַ בליק פון אַ מאַמען, פון אַ גוטער שוועסטער.

— ניין! — האָט זי קאַטעגאָריש געזאָגט — איך וועל דיר נישט לאָזן אַזעלכס טאָן; אומגליקלעך וועט איר זיין, דו און דיינע קינדער, דאָס גאַנצע לעבן, דו ווייסט, אַז איך האָב מיר באַשלאָסן ביי זיך, קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן. איך ווייס, אַז מיינע טעכטער וועט מען אויך רופן „זשידאָווקעס".

מיין אָננעמען זיך פאַר יידן איז מיר אָפּגעקילט געוואָרן אין האַרצן, און איך האָב שוין איינגעזאַנצן חרטה געהאַט אויף דעם שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אונז.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט זי זיך ווידער געווענדט צו מיר מיט אַ שאלה:

— פאַרוואָס האָט די מאַמע אַזוי פיינט יידן? זי קען דאָך זיי בעסער פונם טאַטן!

— מסתמא דערפאַר, ווייל זי האָט מורא מ'זאָל זי אויך נישט רופן „זשידאָווקא", אַזוי ווי מ'האָט דיך גערופן.

— און צו וואָס האָט זי געבראַכט אויף זיך אַזאַ צרה?
— פרעג זי, אפשר וועט זי דיר ענטפערן אויף דעם.

וואָס ס'איז געווען דערנאָך, איז שווער איצט איבערצוגעבן מיט אַלע פּינטעלעך. די פאַרהעלטניסן צווישן אונז האָבן זיך אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט. מאַרוסיע איז צוגעבונדן געוואָרן צו מיר; זי א״ז מיר אַ שוועסטער געוואָרן.

יעקב איז גערעכט געווען, ווען ער האָט עס פאָרויס משער געווען. איך האָב מיך געפילט ווי אין אַ פּלאָנטער, און האָב קיין זאַך נישט געטאָן, אום זיך אַרויסצופּלאָנטערן. אדרבה: ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק האָב איך זיך אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט".

דעם אַלטנס אויגן האָבן אויפגעשטראַלט אין דער נאַכט־פינסטערניש, אַזוי אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ יונגער־מאַן פון אַכצן יאָר זיצט מיר אַנטקעגן. איך בין דאַנקבאַר געווען דער פינסטערניש, וואָס האָט פאַרשטעלט פון מיר זיין ווייסע באָרד, וועלכע האָט גאָרנישט געשטימט מיט דער ייגנטלעכער וואַרעמקייט פון זיין דערציילונג. ער איז אויף עטלעכע מינוט אַנטשוויגן געוואָרן.

דער ביבליאָטעק
אברהם מיימודעס
A. MAYMUDES

X

— אַ שווער לעבן האָט אַננאַ געהאַט — האָט דער אַלטער ווידער אָנגעהויבן דערציילן,—אָבער פּיאָטרס גורל איז אויך נישט געווען קיין פויגלדיקער.

אַננאַ, אָדער ווי מען האָט זי גערופן אויף יידיש, חנה, איז געווען אַ יידיש מיידל, וואָס האָט זיך געפונען אין געפּענגעניש ביי אַ שטיף־מאַמען. פּיאָטר איז געווען אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט פאַרדינט אַ סך געלט פון זיין שטעלע אין מאַגיסטראַט, ער פלעגט אַריינקומען אָפט אין שענק פון חנהס פאָטער בענדעט, חנה איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

פיאָטר איז געווען פאַר חנהן ווי אַ מלאך הגואל, ער וויל זי אויסלייזן פון דער שטיפמוטערס הענט און נעמען פאַר אַ ווייב. ער זאָגט איר צו „גאָלדענע פּאַלאַצן". נאָר איין קלייניקייט: זי דאַרף זיך שמדן. האָט זי נישט געוואָלט. און די שטיפמאַמע דערוויל פייניקט, ווי מענטשן קאָנען אַמאָל פייניקן. און דער מצב פון בענדעטן ווערט אַלע מאָל ערגער; ס'איז פאַר חנהן קיין האָפנונג נישטאָ אויסגעלייזט צו ווערן אַזוי געשווינט פון דער שטיפמאַמעס הענט, און פיאָטר כלאָפּאָוו האַלט אין אייך איינרעדן זי. זאָגט אים חנה, אַז זי האָט מורא, אַז אַן אומגליק וועט זיין פאַר איר דאָס נייע לעבן. זי וועט זיך פילן פרעמד אין דער סביבה, אין וועלכער ער וויל זי אַריינברענגען. וועט זי זיין ערגער פון די אַנדערע ווייבער — וועלן זיי זי באַליידיקן; וועט זי זיין בעסער פון זיי — וועלן זיי איר מקנא זיין און פיינט קריגן, ווי די נבואה וואָלט פון איר אַרויסגערעדט. פאַרזיכערט זי פיאָטר, אַז זי איז די בעסטע אין דער וועלט, און אַז ער וועט זי שיצן פון אַלע צרות. זאָגט זי אים, אַז זי האָט מורא, ער אַליין זאָל אויך אין איר קיין גליק נישט געפונען: ער וועט דאַרפן אַ סך מלחמות אויסשטיין. זיינע עלטערן וועלן געוויס נישט מסכים זיין; זיינע קרובים וועלן זיך דערווייטערן פון אים! ער וועט זיין אָפּגעזונדערט, עלנט, איינזאַם. לאַכט ער פון איר און זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ חלום פון אַן עלנט מיידל, וועלכע גלויבט נישט אין איר צוקונפטיק גליק, און אַז נישט אַלע ווייבער פון אַלע אומות זיינען אַזעלכע, ווי איר שטיפמאַמע... שלאָגט זיך חנה מיט דער דעה און לאָזט זיך בעטן. פאַלט ער אויף אַן אַנדער עצה: ער מאַכט זיך קראַנק און שיקט איר אַריין אַ צעטעלע, אַז אויב ער וועט שטאַרבן, וועט דאָס זיין איר שולד. און אויב ער וועט נישט שטאַרבן, וועט ער זיך אַליין דאָס לעבן נעמען, און בלייבן וועט ער ביי דעם געדאַנק, אַז יידישע טעכטער זיינען מערדערנס און פרייען זיך, ווען זיי געלונגט צו פייניקן אַ קריסט.

נו, האָט זיך חנה געלאָזט איבעררעדן, און באַקומען דעם נאָמען — אַננאַ. —

דערנאָך אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מער נאָך, איפּיל חנה האָט געזען בנבואה, האָט אַננאַ געפונען אין איר נייעם לעבן: די ווייבער פון דאָרף האָבן זיך דערוויטערט פון איר צוליב אַ סך טעמים. דער וויכטיקסטער טעם איז געווען, וואָס אַננאַ איז קיינמאָל אין שענק נישט געקומען, און אין דערהיים האָט זי אויך אַליין נישט געטרונקען און נישט מכבד געווען אירע געסט מיט קיין שום משקה; עס געפונט זיך נישט אַזאַ זאַך, וואָס זאָל אַזוי שטאַרק מקרב זיין די דאָזיקע בריאות אייגנס צו דער אַנדערער, ווי דער „טרונק". די מענער מיט די ווייבער האָבן זי פיינט געהאַט, זיי האָבן מקנא געווען כלאָפּאָווס שטוב, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַלעם גוטן, צוליב אַננאַס שפּאָרזאַמקייט. אָט די אַלע טעמים און נאָך אַ סך אַזעלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם איין נאָמען „זשידאָווקא". דו קאָנסט אין דעם נאָמען פאַרשטיין אַלץ, וואָס דו ווילסט נאָר. און פּיאָטרס ברודער און ק־ובים האָבן נישט נאָר זיך דערווי־טערט פון אים, נאָר זיינען אים געוואָרן אָפענע און באַהאַלטענע שונאים.

פּיאָטר האָט זיך אין אַ צייט אַרום אַרומגעזען, אַז חנהס שרעק איז נישט געווען קיין איינבילדונג און נישט קיין בייזער חלום, נאָר די נבואה פון דעם מיידל, וואָס האָט פאָרויסגעזען איר סוף, און דאָס האָט אים שרעקלעך געקרענקט. אפשר איז דאָס געווען די סבה, וואָס אים האָט אַזוי אָפט געצויגן צו „אונזער משהקען". ער האָט געוואָלט פאַרטויבן אין זיך די פאַרשאָלטענע איבערצייגונג און נישט שטענדיק האָט זיך עס איינגעגעבן.

ער האָט געבענקט נאָך יענער צייט, ווען ער האָט גע־ווינט צווישן יידן; אָבער אַהין קאָן חנה שוין נישט צוריק־קערן.

דערווייל איז כלאָפּאָוו קראַנק געוואָרן און זיך אַוועק־געלייגט. אַננאַ האָט געוווסט, אַז ס'זיינען נאָך געבליבן סכסוכים וועגן דער נחלה צווישן אים און זיינע קרובים, און אַז עס זיינען נאָך פאַראַן טענות און פּרעטענזיעס אויף דעם טייל

פעלד און שטוב, וואָס ער האָט געגומען ירושה. זי האָט שטענדיק מורא געהאַט, פּיאָטר זאָל נישט שטאַרבן פריער פון איר. זי האָט געוווסט, אַז די קרובים וועלן זיך באַנוצן מיט די דאָזיקע פרעטענזיעס, זי אַראָפּצושטויסן פון דער נחלה, און זי מיט מאַרוסיען וועלן נישט האָבן ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן. אַ סך מאָל האָט זי אים פאַרבייגייענדיק דערמאָנט וועגן דעם; ער האָט עס אָבער נאָר אויסגעהערט שמייכלענדיק, ווי זיין שטייגער איז געווען, און אויף מאָרגן האָט ער פאַרגעסן די גאַנצע מעשה און גאָרנישט געטאָן. דאָס איז געווען פּיאָטרס שוואַכקייט בנוגע צו אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן צוליב די ענינים פון שטוב.

האָט אַננאַ ווידער געדאַרפט ריידן מיט אים וועגן דעם, נאָר זי האָט נישט געפונען ביי זיך קיין דרייסטקייט דערצו. איר האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז זי איז דאָ אין דער אמתן אַ פרעמדע. ווער איז זי, וואָס זאָל קומען און זיך באַזעצן אויף דער נחלה פון עפּעס אַן אַלטן, שוין לאַנג געשטאָרבענעם סעמיאָן כלאָפּאָוו?

האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים א רעד-טאָן וועגן דעם, בין איך אַריינגעגאַנגען צו אים און האָב אָנגעהויבן שמועסן מיט אים און זיך צוגנבענען צו דעם „ענין" פאָרזיכ-טיק, היטנדיק זיך, נישט צו דערמאַנען דעם קראַנקן זיין „יום המיתה". מיין פאָרזיכטיקייט איז אָבער איבעריק געווען. ער האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון זיין שטאַרבן רויק און גאַנץ קאָלטבלוטיק, נאָר ס'איז אויסגעקומען ביי אים, אַז ס'איז נישט אַזוי נויטיק צו איילן זיך דערמיט. עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט, וועט מען עס טאָן.

פּיאָטר האָט מיך אויסגעהערט און פאַרשטאַנען, אַז איך בין גערעכט; נאָר ער האָט נישט געשפּירט די נויטיקייט דער-פון, און האָט עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

פּיאָטר האָט געקרענקט, געקרענקט — און איז געשטאָרבן. אַננאַ האָט געדאַרפט ביישטיין אַזאַ נסיון, וואָס איז איר פאַר-געקומען דאָס ערשטע מאָל אין פאַרלויף פון איר שמד-לעבן:

זי האָט געדאַרפט באַוויינען דעם מאַן לויט דעם שטייגער, ווי עס פירט זיך ביי גויים.

איר לעצטע שרעק איז אויך נישט געווען קיין אומזיסטע. דער „גאָלאָוואַ“ פון דאָרף, וועלכער איז געווען פון זייערע קרובים, האָט געהאַט טענות אויף דער נחלה אינם נאָמען פון די איבעריקע קרובים, ווען ער האָט ארויסגעצאָלט אַ קליינע סומע געלט; און דער סוף איז געווען, אַז די שטוב מיט דער נחלה זיינען איבערגעשריבן געוואָרן אויף דעם נאָמען פונם יונגן סערגיי איוואַנאָוויטש. אַננאַ און מאַרוסיען איז מען אָפּגעקומען מיט א קלייניקייט.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם איז געלעגן אַ טיפערע כונה. דער דאָזיקער שגץ, סערגיי איוואַנאָוויטש הייסט עס, כאָטש ער האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט אויף צו באַליידיקן אַננאַן מיט איר טאָכטער, — האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט מאַרוסיען.

ער האָט געוווסט, אַז מיטן גוטן ווילן וועט זי אים נישט נעמען; דערנאָך, ווען ער האָט שוין געהאַט אַלץ אָפּגעטאָן, האָט ער געשיקט צו איר שליחים, און פאַרזיכערט, אַז אויב זי וועט חתונה האָבן מיט אים, וועט ער זיי אַלץ צוריק געבן. אַננאַ האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז מסכים צו זיין אויף דעם. און ווען מאַרוסיע האָט געפרעגט ביי מיר אַן עצה, האָב איך נוטה געווען צו מאַרוסיען.

— ליגנער! — האָט מאַרוסיע אַ געשריי געטאָן אויף מיר.

זי איז גערעכט געווען. אין יענער מינוט בין איך טאַקע אַ ליגנער געווען. איך האָב נישט אָנגעהויבן וועלן, מאַרוסיע זאָל חתונה האָבן, און ווער רעדט נאָך — מיט סערגיי איוואַנאָוויטשן. פאַרוואָס-זשע האָב איך מסכים געווען? ווייס איך נישט.

זי האָט אַוועקגעטריבן פון זיך דעם שרכן.

איך האָב אין זינען געהאַט נישט צו שיידן זיך אַזוי געשווינט מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע נפשות און נישט צו פאַרלאָזן זיי אין זייער עלנטקייט, אויפן הימל אָבער איז אַנדערש בגזר געוואָרן.

די סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אונדזער פאָלק איז געווען פון די ערשטע.
אָן מיין ווילן בין איך צוגענומען געוואָרן פון די ליבע נפשות אין דער צייט, ווען זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק געגויטיקט אין מיר.

XI

פון איין ווינקל אויפן מזרח־זייט הימל האָט זיך באַוויזן אַן אויסמישעכץ פון ליכט און פינסטערניש, האָט עס אויסגעזען ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אַ ווייטער שרפה, האָט זיך דער אָפּגלאַנץ פאַרשפּרייט אַלץ מער און מער. אַ סך שטערן זיינען אין דעם איינגעשלונגען און פאַרלאָשן געוואָרן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ ליכט פון אַ פאַרברענטער וועלט, וואָס איז שוין געווען פאַרלאָשן, האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעפלאַקערט און אויפגעפלאַמט. ניין! דאָס איז נישט קיין הורבן און נישט קיין שרפה! עפּעס אַ „נייעס" גייט אויף, און צאַפּלט זיך דאָרט אַרויסצוגיין. און נאָך דעם גאַנצן שטומען רעש, אַ רעש פון ליכטיקייטן — איז אַרויסגעגאַנגען אַ לבנה, נישט קיין גאַנצע און אַ צאַרנדיקע.
פאַר דער שיין פון דער לבנה האָט דער אַלטער אויסגעזען פרעמד און משונהדיק, ווי עפּעס אַ באַשעפעניש פון וועלטן, וואָס זיינען חרוב געוואָרן.
ער האָט ווייטער דערציילט:
„פון דאַנען הויבט זיך ווידער אָן אַ נייע תקופה אין אונזער לעבן. ביז אַהער זיינען מיר געווען, ווי מענטשן, וואָס לעבן אָן אַ שום רעיון און אָן אַ שום תכלית. מיר פלעגן אַרויסגיין אויפן פלאַץ צו דער „אוטשעניע", ווייל מ'האָט אונז אַזוי געהייסן; מיר האָבן זיך געלייגט ביינאַכט, ווייל מיר זיינען מיד געווען, מיר זיינען באַשאַפן געוואָרן, נאָר כדי צו „פאָלגן", און דאָס פאָלגן גופא איז געווען אַ זאַך פאַר זיך.

ווי אָבער מ'האָט אונז מודיע געווען פון דער מאָביליזאַציע און פון דער מלחמה — איז אונז גלייך אַלץ קלאָר געוואָרן, נאָך וואָס מ'האָט אונז געכאַפּט און געבראַכט אַהער, און פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי פיל געליטן ביז איצט. ס'איז אויסגעקומען ריכטיק, ווי מיר וואָלטן אַ סך יאָרן געבלאָנדזשעט אין אַ פינסטערער הייל, און פלוצלינג איז אונז ליכטיק געוואָרן, מיר זיינען אַרויס אויף אַ וועג.

מיר האָבן זיך דערפרייט.

איך האָב באַגעגנט יעקבן — ער איז אויך פריילעך, גאָר נישט ווי זיין שטייגער אין די לעצטע יאָרן: פון יענעם טאָג אָן, וואָס ער האָט געקריגן רשות צו דאַוונען און צו האַלטן שבת — איז אויף אים אַ „מרה-שחורה" אָנגעפאַלן. רוחות האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט: ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט אויפגעהערט צו פילן אין דאַוונען דעם זעלביקן טעם, וואָס פריער. די מנוחה פון שבת איז פאַר אים געוואָרן, ווי אַ משא. דער טאַטע רעדט שוין נישט מיט אים אין חלום. ער איז זיך מודה, אַז אַ סך מאָל היפּערט ער איבער אין דאַוונען און איז שוין נישט אָפּגעהיט אין די ענינים פון שבת. ער גלויבט, אַז אויך אין הימל זיינען שוין זיינע תּפילות נישט חשוב. נישט דאָס איז זיין ציל. דאָס יידישקייט פון אַ קאָנטאָניסט באַשטייט, לויט זיין מיינונג, נאָר אין דעם — אויסצושטיין נסיונות.

די בשורה פון דער מלחמה האָט אָבער אויף אים גוט געווירקט. ער איז געווען פריילעך, ווי אַ קינד.

אין דערפרי האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ. מיך האָט מען אַריינגערופן צום אָפיציר.

— הורוויץ! — האָט זיך צו מיר געווענדעט מיין גוטער אָפיציר, — דריי גוטע נשמות בעטן פאַר דיר, איך זאָל דיך אַרויסנעמען פון „סטראָי" און געבן אַן אָרט אין באַדינונגס-קאָמאַנדע, דו זאָלסט נישט דאַרפן גיין אין פייער, ווילסט — וועל איך ערפילן זייער פאַרלאַנג.

— וואָשע בלאַגאָראָדיע! — ענטפער איך אים — אויב דו הייסט אַזוי, גיב איך מיך אונטער. נאָר אויב מיין ווילן האָט

איך עפּעס אַ וואָרט, ווײַל איך בעסער בלײַבן אין „ראַטע“. אויב נישט — איז צו וואָס זײַנען געווען די אַלע פּראָבעס און מאַטערנישן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויף זיי אַזוי פיל יאָרן?

אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן פּנים.

— און אויב דו וועסט געהרגעט ווערן אין דער מלחמה?

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! איך וועל נישט געהרגעט ווערן פריער, איידער איך וועל הרגענען!

— פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ זיכערקייט?

— איך קאָן נישט וויסן פון וואַנען, וואַשע בלאַגאָראָדיע, נאָר איך בין זיכער אין דעם.

— איך בין מסכּים מיט דיר. מיר וועלן זען, וואָס וועלן זאָגן דײַנע שײנע מליצים.

ער האָט געעפנט דאָס דערבײַיִקע צימער, און ס'זײַנען אַרײַנגעקומען אַננאַ, מאַרוסיע און זײַן אייגן ווײַב. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די וכּוחים, זיי האָבן געהאַלטן בײַ זייערס און איך בײַ — מײַנס.

— מיר וועלן ציילן די שטימען, — האָט דער אָפיציר געפסקנט — איך גיב דיר צוויי שטימען צוזאַמען מיט מײַנער — איז עס דרײַ געגן דרײַ.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מאַרוסיען. זי האָט אַ ווײַלע געקלערט, און איז צוגעשטאַנען צו אונז. איצט האָבן מיר שוין געהאַט דעם רוב.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, איז מיר מאַרוסיע נאָכגעגאַנגען און האָט מיר איבערגעגעבן אַ קליין זעקעלע. איך האָב דאָרט שפּעטער געפונען צווישן אַנדערע זאַכן אויך אַ קליין סדורל — דאָס האָט זי געוויס גענומען בײַ „אונזער משהקען“ — און אַ קליין זילבערן צלמל. איך האָב אים דערקענט: אויפן האַלז פלעגט זי אים שטענדיק טראָגן.

האָבן מיר געקוקט איינער אויפן אַנדערן און געשוויגן. וואָס האָבן מיר דען געהאַט צו רעדן?

ווען זי איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיר, ווי איינער, וואָס האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט:

— אַז דו וועסט זיך אומקערן? —

— וועל איך קומען צו אייך — איז געווען מיין ענטפער.

און איך האָב אומגעקערט מיין פּנים צו איר; און ווידער זי — צו מיר; און ווידער איך צו איר — ביז מיר האָבן זיך דערווייטערט.

אַנגאַ איז פאַרבליבן דערוויל בײַ דער שטוב און בײַ דער נחלה; סערגיי איז אין יענער צייט אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט און איז צוגעשריבן געוואָרן צו אונזער פּאָלק. מיר האָבן אין איין ראָטע געדינט. דער פּראָצעס פון איבערשרייבן די נחלה איז אויף דערוויל אָפּגעלייגט געוואָרן.

XII

הייסט עס, אַז די אַלע יאָרן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין לערנען זיך שטיין ליגנדיק, ליגן שטייענדיק, לויפן, שפּרינגען און אַזוי ווייטער און ווייטער, זיינען נישט קיין שפּילכל געווען — מיר גייען אויף מלחמה...

מיין גלות־שותּף — דער הונט — האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט מיר. איך שעם מיך אָנצורופן אים „מיין איבערגעגעבענער פריינט". מענטשן אין אַ רוזיקער צייט זיינען נישט דאַנקבאַר, — אַזוי האָט זיי גאָט באַשאַפן. אָבער אַ סאָלדאַט, אַ מענטש אין גלות און אַ הונט ווייסן ווי אַזוי צו ליבן און איבערגעגעבן צו זיין ביז מסירת־נפש. איך האָב אים אָוועקגעטריבן — ער איז מיר נאָכגעלאָפן; איך האָב אים געשלאָגן — ער האָט צוגענומען קלעפּ און מיר די הענט געלעקט. איך האָב אים אַ זעץ געטאָן איבערן פּוס מיט דעם „פּריקלאַד" פון מיין ביקס — האָט ער אָנגעהויבן צו וואָיען, שפּרינגען אויף דריי פיס

און נישט אויפגעהערט מיר נאָכלויפן. — האָט גענומען מאַרוסיע און אים פאַרשלאָסן אין שטאַל און איך האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פון אים פּטור — ער האָט מיר אָבער אָנגעיאָגט אין וועג, אין עטלעכע שעה אַרום, הינקענדיק אויף איין פוס.

ס'איז אים באַשערט געווען אויסצושטיין צוזאַמען מיט מיר די פּיין און צרות, וואָס אַ סאָלדאַט מוז אויסשטיין אין דער צייט פון אַ מלחמה.

דעם ערשטן טאָג האָט ער געקוקט אויפן גאַנצן עולם מיט חשד. אים האָבן אויסגעזען פאַרדעכטיק די בלישטשענדיקע קנעפּלעך מיט די בלויע מונדירן; מסתמא דערפאַר, ווייל ער האָט דאָס געזען צוזאַמען מיט פריקלאַדן פון ביקסן, — אַט אַזעלכע ווי יענער, וואָס האָט אים הינקענדיק געמאַכט אויף אַ פוס, פון דעסטוועגן האָט ער אויסגעטיילט פון אַלעמען מיך מיט יעקבן און שטענדיק זיך געפּלאָנטעט אַרום אונז. אין ראָטע האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט ליב יידן און דערקענט זיי, ס'קאָן זיין, אַז ס'איז טאַקע אַזוי געווען. זיי האָבן נישט געוואוסט, וויפיל ברויט און פלייש דער דאָזיקער הונט האָט אויפגעגעסן פון יידישע הענט, ביז ער האָט זיך דאָס אויסגעלערנט.

און נייע חברים זיינען אונז אויך צוגעקומען אין יענער צייט, און איינער פון זיי איז געווען וואַסיל סטעפּאַנאָוויטש זאַגראָבסקי, זאָל זיין נאָמען צום גוטן דערמאָנט ווערן, כאָטש ער איז געווען אַ שונא-ישראל. אַ פּאָליאַק איז ער געווען.

מיין ערשטע קאָנטשאַפט מיט אים האָט זיך באַלד אָנגעהויבן נישט גוט: דער דאָזיקער וואַסיל איז געווען אַן אָרעמער בעל-גאוה; אַן אָרעמאַן, וואָס דאַרף אַ סך האָבן און דערצו אַ שטאַרקער רויכערער. איך האָב אויך גערויכערט, ווען איך האָב געהאַט אַן איבעריקן גראָשן אין קעשענע; ער איז אָבער געווען צוגעבונדן דערצו. קוים האָט ער נישט געהאַט וואָס צו רייכערן, האָט ער געפּאָדערט ביי אַנדערע, אַזוי איז שוין זיין נאַטור געווען: בעטן האָט ער נישט געקאָנט; ער האָט געקאָנט נאָר פאָדערן.

געשטאַנען זיינען מיר זאַלבעדריט: איך, סערגיי און זאַגראָבסקי. סערגיי איז געווען אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געלעבט נישט אָרעם. ער האָט מיטגענומען פון דערהיים אַ שיין ביסל געלט, און די עלטערן האָבן אים אויך אַלע חודש צוגעשיקט. שטענדיק האָט זיך ביי אים געפונען גוטער טאַבאַק. ער האָט געעפנט זיין טאַבאַק-פושקע צו פאַרוויקלען זיך אַ פאַפּיראָס. האָט עס געזען זאַגראָבסקי און אויסגעצויגן אַ האַנט צום נעמען אַזוי איז זיין שטייגער געווען: ווו ער האָט געזען אַן אָפענע טאַבאַק-פושקע — איז ער צוגעשטאַנען פאַר א שותף.

סערגיי אָבער איז געווען פון יענע דאָרפישע יונגען, וואָס נעמען זיך אַרויס פון דעם גאַנצן פויערשן כלל און זיינען מקפיד אויף איידלקייט, נאָך מער ווי די „פריצים". ער איז בעגאַנגען דינען מיט דעם רעכנונג — „זיך צודערדינען". אים האָט זיך געוואָלט ווערן אַן אָפיציר; געהאָפט האָט ער, אַז ער וועט קומען צוריק אַהיים, וועט אים דאָס גאַנצע דאָרף אָפגעבן „טשעסט". און ווען ער האָט איצט געזען, ווי זאַגראָבסקי ציט אויס די האַנט, האָט ער אים אָפגעמאָסטן מיט אַ קוק פון אויבן אַראָפ און פאַרמאַכט זיין טאַבאַק-פושקע.

איך האָב רחמנות געקריגן אויף דעם פאָליאַק און אים פאָרגעלייגט מיין טאַבאַק. ער האָט זיך נישט אָפגעזאָגט; נאָר נעמענדיק האָט ער געזייט צווישן די ציין:

— אַ ייד!

איך האָב מיך איינגעקוקט אין אים און געוווּנדערט זיך! איך רעד רוסיש מיט דעם רעכטן טראָפ, און ער פלאַפלט און מישט אַ וואָרט רוסיש און אַ וואָרט פויליש, היינט ווי אַזוי האָט ער עס גלייך באַמערקט, אַז איך בין אַ ייד? עס איז אַ רעטעניש — איך האָב מיר אָבער אויף דעם נישט אָפגעשטעלט און מיט דער צייט איז דאָס מיר אַרויס פון זינען. מיר זיינען שוין געשטאַנען אויפן „פלאַץ" און געוואַרט אויף אַ פריילעכן אָנהויב. די דאָזיקע טעג האָבן אונז אויסגעזען, ווי אַ מין ערב-יום-טוב, וואָס ציט זיך שרעקלעך לאַנג, — אַזוי לאַנג, אַז עס הויבט שוין אָן נישט גוט צו ווערן.

דערווייל איז פאָרגעקומען אַן אומגעווײנלעכער צופאַל. אַרום אונז איז געשטאַנען אַ לעבעדיקע קייט פון קאַראָל-סאָלדאַטן, און ווייט, ווייט פון זיי האָט זיך געפונען דער לאַגער פון די „פאָדריאַטשיקעס“, דאָס זיינען געווען סוחרים, וואָס האָבן צוגעשטעלט פאַרן חייל עסנוואַרג און נאָך פאַרשיידענע נויטיקע זאַכן. אָן אַ באַזונדערער ערלויבעניש האָט קיין שום פאָדריאַטשיק נישט געקאָנט דורכגיין די קייט פונם קאַראָל און אַריינקומען אין דער אַרמיי.

איינער פון די פאָדריאַטשיקעס, וואָס פלעגט אָפט אַריינגיין און אַרויסגיין, האָט אויסגעזען יעקבן פאַרדעכטיק, כאָטש יעקב האָט נישט געוווּסט קלאָר, וואָס ער האָט צו אים. דער מענטש האָט אים אויסגעזען נישט כּשר און פאַרטיק. און דעם הונט אפילו, דעם שטילן און עניוותדיקן הונט האָט אויך דער נפש אויסגעזען פאַרדעכטיק. און איין מאָל האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפן אויף דעם דאָזיקן פאָדריאַטשיק מיט אַזאַ רוגזה, — גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האָט אים געוואָלט צעריסן אויף שטיקער. און מיט גרויס צרות האָט אים יעקב אַרויסגעראַטעוועט פון זיינע ציין.

פון דעמאָלט אָן האָט ער אים אָנגעהויבן שטאַרקער נאָכקוקן. מ׳האָט אונז געזאָגט אין יענעם טאָג, אַז דער גענעראַל לידרוס דאַרף זיין ביי אונז, יעקב איז געשטאַנען אויף „קאַראָל“. דער פאַרדעכטיקער פאָדריאַטשיק האָט זיך אים ווידער אַ ווייז געטאָן, אַזוי ווי ער וואָלט פון דר׳ערד אויסוואַקסן. יעקב האָט אים אָנגעהויבן נאָכשפּיאָנירן, ערשט — ער זעט, אַז ער באַהאַלט זיך אונטער אַ ערד-וואַל, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ רעוואָלווער און שטעלט אים אָן אין דער לופטן. יעקב האָט קיין סך נישט געקלערט, האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס קעגן דעם פאָדראַטשיק און — באַך! מיט איין קלאַפּ האָט ער איס געלאָזן ליגן אַ טויטן. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט זיך פאַרגנבעט אַהער אָנצופאַלן אויפן גענעראַל.

אין לאַגער האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אַז יעקב „שטייגט״. דער גענעראַל האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און אויסגערופן: ,

— מאָלאָדיעץ, אָפּיציר!

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געזען יעקבן, און ער איז געווען בלאַס. דער שמייכל אויף זיין פּנים האָט אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי דער פאַרגליווערטער שמייכל אויפן געזיכט פון אַ גוסס. איך האָב דערציילט, אַז איך האָב געזען אין חלום, ווי ער באָדט זיך אין אַ טייך פון בוימל.

ער האָט מיר דערציילט בסוד, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיך צו שמדן.

דעם נסיון פון גוטס איז שווערער בייצושטיין, ווי דעם נסיון פון טויזנטער שמיץ און פון ביטערן קאַנטאָניסטן־לעבן. נישט אומזיסט פלעגט ער אונז שטענדיק חזרן: „דער, וואָס איז אין גלות, טאָר קיין שום הנאה נישט האָבן פון אַזוינעם, וואָס איז נישט אין גלות״.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז זאַגראָבסקי באַשטימט געוואָרן אויף דערוויילע צו באַדינען יעקבן. ער איז געקומען צו אים און געוואָלט ריין מאַכן זיינע קליידער און זיין געווער; דאָס איז אָבער נישט געלעגן אין יעקבס נאַטור. ער האָט שטענדיק פיינט געהאַט, אַנדערע זאָלן פאַר אים טאָן דאָס, וואָס ער קאָן אַליין טאָן, און אויך איצט האָט ער זאַגראָבסקין אַוועקגעשיקט פון זיך. יענער האָט זיך געלאָזן גיין און געזיגן צווישן די ציין:

— אַ ייד!

איך בין אויך דערביי געווען.

מיין געדולד האָט געפּלאַצט און איך האָב אים פאַרשטעלט דעם וועג!

— הער נאָר, דו, פון וואַנען דערשמעקסטו אַזוי געשווינט ווער ס׳איז אַ ייד? איך זע אָן דיר, אַז דו קענסט אַפילו קיין רוסיש נישט רעדן, און דו האָלסט כסדר אין איין נאָכקוקן

אַלעמען? איך געדענק: דו האָסט מיך אויך דערקענט נאָך דעם טאַבאַק מיינעם, אַז איך בין אַ ייד.

— גאַנץ איינפאַך! — האָט ער מיר געענטפערט — איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע קריכערס, וואָס האָבן ליב זיך אָנצוּוואַרפן מיט זייערע טובות, ווי יידן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען מענטשן זאָלן זיך אַזוי אָפּטרייסלען פון דעם כבוד, וואָס געהער זיי, ווי יידן. אַ ייד איז אַ רוט-קושער, און נאָכמער וויפיל אַנדערע זיינען אים מפקיר, איז ער זיך אַליין מפקיר; ער ווערט אַ שקלאַף ביי אַלעמען כדי אַלע זאָלן פאַר-שקלאַפט זיין ביי אים. איך האָב פיינט אַלע יידן, און באַזונדער דעם, וואָס איך האָב פון אים אַ טובה.

איצט בין איך מודה, אַז אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, איז אמת. די יידישע נאָכגיביקייט דאַרט ווו ס'שטעקט אַ זי אין מיטן, דעם יידנס דינען אַלעמען, דאָס, וואָס דער ייד לאָזט שטענדיק זיינס איבערגיין — איז טאַקע ביז היינטיקן טאָג נאָך אַ רעטעניש פאַר יעדן גוי. זיי ערקלערן זיך דאָס אויף אַ משונהדיקן אופן. ס'האָט אַ גוי געשעפטן מיט אַ יידן, און דער ייד לאָזט „זיינס איבערגיין", טראַכט זיך דער גוי: „מסתמא פילט ער אַליין, אַז ער איז מיר מער שולדיק".

בקצור מיר זיינען פון דעמאָלט אָן געוואָרן נאָנט און באַ-פריינדעט איינער מיטן אַנדערן. מיר האָבן גאָרנישט געזוכט צו באַהאַלטן אונזער באַציִונג צווישן זיך: איך האָב געוווּסט, אַז ער איז מיר אַ שונא; און ער האָט געוווּסט, אַז איך צאָל אים אויך מיט דער זעלבער מטבע. און דאָס האָט זאַגראַבסקי ליב געהאַט. מיר האָבן ליב געהאַט די שנאה צווישן אונז ביידן. —

און ענדלעך איז געקומען יענער טאָג, וועלכער האָט אונז אין איין רגע אויף שטענדיק צוזאַמענגעבונדן.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט... אָ, פאַרשאָלטן זאָל זיין די דאָזיקע נאַכט, וועלכע האָט איינגעשלונגען אויך דעם מאָרגנ-דיקן טאָג!

אונז איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס שפּילן זיך בסדר און דאָס אָפּנאַרן: באַהאַלטן זיך, כדי אָנצופאַלן! אָנפאַלן פלומרשט,

כּדי צו אַנטלויפן! אָדער, וואָס ס׳איז נאָך מער לאַנגווײַליק: שטיי גלײַך אין דער רייע, וואַרף קוילן אין דער לופטן, און דעם שונא זעסטו נישט! אַ סאָלדאַט אין אונזערע צײַטן האָט פֿײַנט געהאַט אַזעלכע מעשׂיות: אָדער גיי און צעשמעטער יענעם דעם מוח, אָדער פֿאַל אַ טויטער אויפֿן אָרט! — דאָס איז געווען אונזער שטייגער און אַזוי האָבן מיר מנצח געווען. „די קויל איז בלינד און נאַריש; די שפּיז — פֿלינק און קלוג!״ — אַזוי האָט געדרונגען אונזער גענעראַל.

ענדלעך האָבן מיר דערהערט די סיגנאַלן און דאָס פּויקן, וואָס מיר זײַנען געוווּנט געווען צו הערן אַ סך יאָרן. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן מיט די שפּיזן אינם חלל פֿון דרויסן, שטעכנדיק כּלומרשט אויף רעכטס און לינקס גלײַך, ווי דער שונא וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן. דאָס איז געווען פֿאַרביידן אַ ליב געפֿיל.

אָבער, אין יענעם טאָג זײַנען דאָס געווען סיגנאַלן, נישט אויף „צופֿלייסן!״ דער שונא איז שוין געשטאַנען „אין די אויגן״ און געגאַרט נאָך דײַן בלוט!..

דו ווערסט גלײַך אײַנגעשלונגען און בטל אין די אויס־געשטעלטע שורות סאָלדאַטן... דו ווערסט א ניי באַשעפֿעניש. נייע געפֿילן באַהערשן דיך... אַ ניי געפֿיל און אַ נייע איבערציי־גונג... מיר איז שווער דאָס איבערצוגעבן. מ׳דאַרף זײַן אַ סאָל־דאַט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד, אום צו פֿילן דאָס...

אין דער צײַט ווערט איבערגעריסן אויך די לעבנס־גע־שיכטע פֿון מײַן הונט, פֿון בילערן. איך האָב אים געפֿונען אויף אַ בערגל ערד, ליגנדיק אַ טויטן. דאָס דאָזיקע בערגל איז גע־ווען אַ מצבֿה אויף דעם קבֿר פֿון די גבורים פֿון ערשטן טאָג, וועלכע זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין דערפֿרי פֿול מיט קראַפֿט און מיט האָפֿנונג, מנצח צו זײַן, און בײַנאַכט האָט מען זיי אַרײַנ־געוואָרפֿן אין אַ גרוב און פֿאַרשאָטן מיט ערד. די ערד ווייסט נישט אונטערצושיידן צווישן איין פּאָלק און דעם אַנדערן. דאָרט אין הימל דערגייט מען געוויס וועמעס יעדע נשמה איז, און מ׳שיקט זי אָפּ באַזונדער אויף דעם אָרט, וואָס איר קומט. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז יעקבֿ ליגט אויך דאָ. ס׳קאָן זײַן. איך

האָב אין דער שטיל אָפּגעמורמלט אַ קדיש איבערן בערגל — פֿון ספק ווענן. איך בין נישט אַזוי נאַריש, זיך אַוועקצושטעלן וויינען איבער דעם טויטן הונט. נאָר פּונדעסטוועגן — ס'איז פּאָרט אַ רחמנות! אַ לעבעדיקער נפש מיט מיר צוזאַמען פאַרטריבן געוואָרן, מיט מיר צוזאַמען געהונגערט און מיט מיר צוזאַמען זאַט געווען — אַמאָל מיט ברויט, אַמאָל — מיט מכות, — און עס האָט דאָך מיך ליב געהאַט.

אויף צו מאָרגנס זיינען מיר ווידער אַרויס.

אַ מינוט לאַנג האָבן מיר זיך אָנגעקוקט איין מענטש דעם אַנדערן, איין שורה דער אַנדערער, איין שונא דעם אַנדערן. מיר זיינען צוגעצויגן געוואָרן איינער צום אַנדערן מיט אַ מין ליבע צו האַלזן און צו דערשטיקן...

שיסערייען... בליצן... דונערן... שלאַנגען פליען און דרייען זיך אין דער הויך... שראַפּנעלן... באָמבעס... סאָלדאַטן שטייען... סאָלדאַטן זיינען איינגעבויגן... סאָלדאַטן ליגן—פּגרים... שורות ווערן ליידיק... מ'באַגעגנט זיך... קולות גיסן זיך צוזאַמען... די רוסישע מוזיק שטאַרקט זיך איבער די קולות, גיט צו מוט, בטחון, נאָר זי הערט זיך אַלע מאָל שוואַכער, וווּ איז דער טראָמפּייט?.. ס'איז צעבראָכן געוואָרן דאָס קול פֿונם באַריטאָן.

מענטשן נעמען זיך ארום, שטעכן, ווערן דערשטאָכן און פאַלנדיק הרגענען זיי. איך אַרבעט אויף רעכטס און אויף לינקס און וואַרט אויף דער מינוט, ווען מ'וועט מיך שוין דערשטעכן; מיר האָט אָבער אַ נס געטראָפן: איך שטיי צווישן שפּיזן און שווערדן און זיי רירן מיך נישט אָן.

דאָס איז אַ געפערלעכע מינוט געווען. לאַנג האָט עס נישט געקאָנט דויערן. איינער פֿון ביידע צדדים האָט געמוזט אָפּטרעטן.

די רוסן אָבער האָבן דאָס נישט געקאָנט טאָן, ווייל דער גלח פֿון אונזער פּאָלק איז געשטאַנען צווישן אונז, און אין זיינע הענט האָבן געפלאַטערט די בילדער פֿון דער הייליקער מוטער און פֿון דעם הייליקן קרייץ. סאָלדאַטן קוקן, נעמען זיך

אָן מיט פרישע כחות און ווייזן וואונדער. דאָס איז אַ מין קופּער־
נע שלאַנג. דו געדענקסט ?.. אין חומש ?..

אַ קויל איז פאַרבייגעפלויגן און דורכגעשניטן די לופט...

דער גלח איז אומגעפאַלן. די בילדער בויגן זיך און פאַלן,
פאַלן... סאָלדאַטן הייבן אָן אַנטלויפן.

אין יעדער מינוט האָב איך מיך געפילט צעטיילט אויף
דריי באַזונדערע מענטשן: שמואל פּאַר זיך, שמואל דער סאָל־
דאַט און שמואל דער ייד.

שמואל פּאַר זיך האָט מיר איינגערוימט אין אויער:

– דו האָסט שוין דיינס אָפּגעטאָן! אַלץ איז בעענדיקט:
אַנטלויף!

שמואל דער סאָלדאַט האָט געזאָגט:

– שעם דיך! ווו איז דיין העלדישקייט?! די פּאָן און
בילדער פון דיין פּאָלק פאַלן: פּראָביר זיך, אפשר וועסטו ראַ־
טעווען!

און „שמואל דער ייד" האָט געזאָגט:

– דו וועסט געוויס ראַטעווען! אַ ייד דאַרף טאָן מער,
וויפיל זיין חוב איז!

זאָגט ווידער „שמואל פּאַר זיך":

– דו געדענקסט, וויפיל שמיץ דו האָסט געקריגן צוליב
די דאָזיקע בילדער?

אַ סך רעיונות זיינען דורכגעלאָפן ביי מיר אין קאָפּ; עס
האָט אָבער געדויערט נישט מער, ווי איין סעקונדע.

אין דער מינוט בין איך געשטאַנען נעבן גלח, ער האָט
נאָך געלעבט. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט. איך האָב
אים אַנידערגעשטעלט, געגעבן אים די בילדער אין די הענט,
אויפגעהויבן זיי אין דער הויך – און אונטערגעהאַלטן זיי.

– רוסן! אַהער!

איך ווייס נישט, ווער דאָס האָט אויסגעשריגן. אפשר
איך? אפשר אַן אַנדערער? און אפשר – פון דער הויך?

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן איינגענומען, נאָר איך בין נישט איינגעשטאַנען ביז דער לעצטער מינוט: אַ קויל האָט מיר געטראָפן אין פוס און איך בין אומגעפאַלן.

אין יענע מינוטן האָב איך מיך געפילט ווי אין אַ זיסן חלום. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין אַ קינד און געפון זיך מיטן טאַטן צוזאַמען אין בית-המדרש יום-כפור ביינאַכט, ווי אַלע שרייען, זיפצן און וויינען, נאָר עפּעס אַ חבר אַ שטיפער טרייבט קאַטאָוועס און שטעכט מיך מיט אַ נאָדל אין פוס — דינינקע-דינינקע שטעכלעך...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען אין אַ ים פון געשרייען, געוואַלטן און קרעכצן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער ערד, מיר האָט זיך געדאַכט אין יענער צייט, אַז איך געפון מיך אין גיהנום.

איך האָב צוריקגעקריגן מיין באַוווסטזיין און האָב מיך דערמאָנט אָן אַלץ. איך האָב אומגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן, און געזען זאַגראָבסקין ליגנדיק נעבן מיר אַ פאַרוווּנדעטן און אַ זיפצענדן. ער האָט אַן עפן געטאָן אויף מיר איין אויג — שנאה און פריינטשאַפט האָבן פון דעם געשיינט. „זשיד" — האָט ער געשעפּטשעט מיט די ליפּן — און די נשמה איז אים אַרויס-געגאַנגען.

שלאָף רויק, ליבער שונא!

פון הינטן האָט זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן אַ פּולע שטימע, אַ צעווייטאָקטע און אַ זיפצנדע. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יענער זייט, און געזען סערגייען ליגנדיק אויף אַ זייט און זיפצנדיק. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, שטייט אויף און לייגט זיך, שטייט אויף און לייגט זיך.

דער דאָזיקער אויסוואורף האָט זיך געמאַכט אַ פּשוטן רעכ-נונג: סיי-ווי-סיי וועט ער דאָך פאַלן און זיפצן! צו וואָס זאָל ער נאָך וואַרטן ביז די קויל וועט אים טרעפן? בעסער זיך אַליין אָוועקלייגן מיטן גוטן ווילן און זיפצן פאַרויס!

דער כיטראַק האָט געזען, וואָס איך האָט געטאָן, איידער איך בין געפאַלן; און אַ געדאַנק איז אים איינגעפאַלן אין קאָפּ

ער האָט מיר געהאָלפן אויפשטיין, פאַרבאַנדאַזשירט די ווונדן און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— הער, הורוויץ: דו האָסט אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך; פאַר דיר איז עס אָבער גאָרנישט ווערט. אַדרבא, ס׳איז נאָך פאַראַן אין דעם אַ סכּנה: מ׳וועט דיך ווידער אָנהויבן מאַטערן, דו זאָלסט דיך שמדן!

— איז וואָס?..

— דו ווילסט? זיי דו מיין עדות, אַז איך האָב אויפגע־הויבן די בילדער. דער גלח וועט נישט דערקענען, און איך וועל דיר דערפאַר גוט באַצאָלן.

— און דו דאַרפסט עס האָבן, סערגיי! — ענטפער איך אים — דו ווילסט דערהויבן ווערן? דו חלומסט אַן אָפיציר ווערן? גוט, שרייב מיר אונטער אַ פּאַפּיר, אַז אַנבאַס שטוב און איר נחלה האָסטו פאַרקויפט מאַרוסיען.

— איך זאָג דיר צו.

— איך גלויב נישט אין קיין צוזאָגעכצן.

— טאָ וואָס דען זאָל איך טאָן?

— אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בליי־פעדער האָסטו אין קע־שענע?

— איך האָב.

איך בין געשטאַנען פאַר אים אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט און איין פוס. פאַר אַ טיש אויף דריי פיס האָב איך אים געדינט, און אויף מיינע פּלייצעס האָט ער דעם פּאַפּיר אָנגע־שריבן און געחתמעט.

דאָס איז איבעריק געווען, אָן דעם אַלעמען וואָלט ער איך געהאַלטן וואָרט. ער האָט שטענדיק מורא געהאַט, טאָמער זאָג איך אויס דעם סוד.

וואָס ס׳איז געשען ביים סוף פון דער מלחמה, ווייס איך נישט, ווייל מיך האָט מען אַוועקגעפירט, פריער אין אַ דערוויי־ליקן, און פון דאָרטן אין אַ שטענדיקן שפּיטאָל. אין וועג איז מיר באַפאַלן אַ שרעקלעכע קדחת, און איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין.

איך ווייס נישט וויפיל טעג און וואָכן איך בין אַזוי אָפּ־געלעגן. איך האָב מיך די גאַנצע צייט געפונען אין אַ... ווי זאָל איך עס דיר אָנרופן?.. אין אַ מין „תהו ובהו". דער טאַטע... די מאַמע... די סלוזשבע... אַננאַ... געשחטענע שעפסן... פּיאַ־טער... קוילן... הייליקע בילדער... שמוץ... אַלץ איז געווען צוזאַמענגעמישט, און איך האָב מיך געפונען אין דעם דאָזיקן מיש־מאַש, ווי עפּעס אַזוינער, וואָס איז אָפּגעזונדערט און אָפּ־געטיילט פון אַלעמען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיין קאָפּ איז אויך אָפּגעטיילט פון מיר. איך פיל זיין ווייטאָק, און פונדעסט־וועגן איז ער פאָרט נישט מיינער.

און נאָך אַלעמען האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די מאַמע האָט מיך אויסגעבאָדן אין אַ וואַנע, און אַ מילדע פייכטקייט האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט אויפן לייב. דער קאָפּ איז מיר לייכ־טער געוואָרן.

איך פיל, ווי אַ ווייכע האַנט גלעט מיר דעם שטערן, די באַקן, דעם האַלז...

איך האָב דאָס ערשטע מאָל אויפגעעפנט די אויגן ערשט — פאַר מיר שטייט...

— מאַרוסיע?!

— יאָ־יאָ — לאַכט זי צו מיר מיט טרערן אין די אויגן — איך בין עס, מאַרוסיע.

פון הינטער איר קוקט אויף מיר עפּעס אַ באַקאַנט גע־שטאַלט.

— אַננאַ?!

— רויִק, רויִק! — וואָרנען זיי מיר — גאָט צו דאַנקען, דער קריזיס איז אַריבער!

איך האָב געצווייפלט, צי דאָס אַלץ איז נישט אַמאָל אַ חלום.

דאָס איז אָבער קיין חלום נישט געווען. די זאַך איז גאַנץ פּשוט: אַננאַ מיט מאַרוסיען האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר באַרמ־הערציקע שוועסטער, און איך האָב נישט געוווּסט דערפון.

— מאַרוסיע — האָב איך אָנגעהויבן זיך בעטן — דער־ציילט מיר, ווי אַזוי קום איך אַהער?

זי האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי מ'האָט מיך אַהער גע־בראַכט; ווי מ'האָט מיך אַראָפּגענומען פון וואָגן, ווי אַ שטיק קלאָץ. זי האָט נישט געקאָנט ענדיקן איר דערציילונג: טרערן האָבן זי געשטיקט. אננאַ האָט געענדיקט, וואָס איר טאָכטער האָט אָנגעהויבן.

— מאַרוסיע! און ווו זיינען מיינע קליידער?

— דאָ ביי מיר.

— ברענג זיי מיר אַהער?

— צו וואָס דאַרפסטו זיי?

— דאָרט איז אַ צעטל פאַראַן.

איך האָב זי געבעטן און זי האָט מיר געבראַכט דעם צעטל.

— לייען איבער, וואָס דאָ שטייט, מאַרוסיע!

זי האָט איבערגעלייענט דעם שטר־מכירה פון איר שטוב מיט איר נחלה.

ביידע ווייבער האָבן זיך איבערגעקוקט, דערפרייט און פאַרוואונדערט.

— ווי אַזוי האָסטו דאָס באַקומען?

איך האָב באַשלאָסן ביי זיך, נישט צו אַנטדעקן זיי דעם סוד און אַזוי האָב איך געטאָן.

— — — — — — — — — — —

ווען איך בין אַרויס אַ געזונטער פון שפּיטאָל האָט זיך די מלחמה געהאַט געענדיקט: ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער שלום. ווען מ'וואָלט מיך פרעגן, וואָלט איך זיך אויפן שלום נישט אונטערגעשריבן.

XIII

דער אַלטער האָט געמאַכט אַ קורצע הפסקה. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז אַ סך איבערגעשפּרונגען אין זיין דערציילונג און האָט דורכגעלאָזן אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן. ער האָט זיי אָנגערירט נאָר אין געדאַנק און האָט אָנגעהויבן אַזוי ווי פון אַ מיטן ענין...

„אַזוי, אַזוי. עס טרעפן זיך אַ סך זאַכן מיט אַ מענטשן, וואָס קומען פאַר גאָר אָן זיין וויסן... מיר האָט זיך געדאַכט די גאַנצע צייט, אַז איך בענק גאָרנישט נאָך די עלטערן, געשריבן האָב איך צו זיי נישט, פשוט, ווייל אין לשון-קודש בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער כּתבן. אַ ודאי, ווען מ'וואָלט געווען „כאַפּן" נישט מיך, נאָר מיין ברודער שלמהן, וואָלט ער שרייבן צו זיי גאַנץ אָפט. ער, עליו השלום, איז געווען אַ כּתבא רבא. אויף רוסיש ווידער, איז נישט געווען כּדאי זיי צו שרייבן: ווען איך וואָלט שרייבן צו זיי אויף רוסיש, וואָלט עס הייסן, ווי אָנטרינקען אַ דאָרשטיקן מיט געזאַלצן וואַסער. איך האָב מיך אָפּגעוווינט פון שרייבן — און פּטור. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב זיי שוין פאַרגעסן.

אָבער — ניין! דאָס איז אויך געווען נישט מער, ווי אַ געוווינהייט. איך בין שוין אַזוי געוווינט געוואָרן מיט דעם בענקען, אַז עס איז שוין ביי מיר געווען אַ געוויינלעכע זאַך און האָב עס שוין נישט געפילט, אַזוי דערקלער איך מיר אַליין די זאַך.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין ווינקל איז איבערגעבליבן ביי מיר אין האַרצן, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט פאַרשלאָפן און איצט האָט עס זיך געעפנט. דאָס בענקען נאָך דער היים, און צוזאַמען דערמיט, — אַ שפּור פון דעם פאַרגאַנגענעם כּעס פאַר דעם „בייט", וואָס זיי, די עלטערן מיינע האָבן מיט מיר געמאַכט.

איך פֿלעג חלומען וואַכעדיקערהייט. איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן מיך באַגעגענען: טרערן... קושן... האַלזן... חלשן... שכנים, שכנות... איך האָב געגלויבט, ווי אַ נאַריש קינד, אַז איך וועל נאָך טרעפֿן אַלע לעבן; אַז דער מלאך המות וואַרט מיט זיי, ביז איך וועל קומען און פֿאַרשאַפֿן זיי נחת פֿאַר דעם צער, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿון מיר. וואָרים אויב נישט, איז עס דאָך אַ שרעקלעכע עוולה פֿון רבונו של עולם! גוטע מענטשן לייגן אין הימלען פֿאַר מיר מיט זייערע געשרייען, און צום סוף זאָלן זיי שטאַרבן אָן אַ טרייסט?

וואָס נענטער אָבער איך בין צוגעקומען צו מיין געבורטסשטאָט, אַלץ קעלטער איז אין מיר געוואָרן דאָס בענקעניש. עפּעס אַ מין פֿרעמדקייט האָט אויף מיר געבלאָזן פֿון די דאָזיקע אַלטע ערטער. ניין! נישט קיין פֿרעמדקייט, נאָר עפּעס אַן אַנדער געפֿיל, עפּעס אַ מין אַלטע איבערציינונג, וואָס פֿאַרשאַפֿט צער. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל דיר געבן צו פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן צער. דאָס איז געווען גלייך צו אַ שווערן חלום, וואָס חלומט זיך אַן אַלטן מאַן פֿון זיינע יונגע יאָרן.

די צייט איז געווען ענלעך צו דער איצטיקער. די וועגן — שלעכט, די בלאָטעס — גרויס. זיץ אין וואָגן, קוק אויף דער בלאָטע, וואָס בלישטשעט דיר אַנטקעגן, ביז עקל, און צייל די טריט פֿון די פֿערד: איינס... צוויי... דריי... ס'איז שוין בעסער אינגאַנצן אַראָפּצוקריכן פֿון וואָגן און גיין צו-פֿוס, איידער פֿאָרן אין אַזאַ צייט.

און אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך בין שוין געווען נאָנט פֿון מיין שטעטל — נאָר איין באַרג נאָך, און נאָך איין טאָל. דאָרט הויבט זיך אָן דער בית-עולם פֿון שטאָט. דאָס איז דאָס ערשטע, וואָס ווייזט זיך דיר שטענדיק ביים אַריינקומען אין אַ יידיש שטעטל.

די פֿערד האָבן זיך קוים געשלעפּט און איך האָב זיי איבערגעיאָגט, גייענדיק מיט דעם קורצן וועג, וואָס צווישן ד גוייִשע פֿעלדער. איך האָב מיר אַליין גענומען אַ באַזונדער

זכות דאָס צו טאָן, ווייל איך האָב נאָך געטראָגן אויף זיך דעם „מונדיר" און די קנעפּ אויף אים האָבן אָראָפּגעבלישטשעט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּגיין אין דער נידער, איז מיר איינגעפאַלן דורכצוגיין דורכן בית־עולם, כּדי זיך איינצו־שפּאָרן וועג.

דער וואָגן איז געבליבן ווייט ווייט הינטער מיר, און איך בין געגאַנגען טריט־ביי־טריט אַזוי, אַז אַרויסגייענדיק פון בית־עולם זאָל איך ריכטיק טרעפן דעם וואָגן, און נישט דאַרפן וואַרטן אויף אים.

צווישן מצבות בין איך געגאַנגען, אַ טייל — טונקעלע, איינגעבויגענע צו דר'ערד, ווי זיי וואָלטן זיך צוהערן צו די שמועסן פון די טויטע; און אַ טייל ווייסע, גלייך־אויפגעשטעלטע אַנטקעגן הימל. אין אַ שטומער וועלט בין איך אַריין. ס'איז שווער איבערצוטראָגן די שטילקייט פון אַ בית־עולם. דאָס איז אַ רעדעוודיקע שטילקייט! נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז די טויטע רעדן צווישן זיך אין קבר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע מצבות קוקן אויף מיר בייז דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרשוועכט די הייליקייט פון דעם אָרט מיט מיינע בלי־טשענדיקע קנעפּ.

מיט צרות איז מיר אָנגעקומען איבערצולייענען די אויפ־שריפטן אויף די מצבות: איך ווייס נישט, צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַ ביסל פאַרגעסן דעם יידישן כּתב, צי דערפאַר, וואָס די אויפשריפטן אויף די מצבות לייענען זיך שווער.

„פּה נטמן הישר באדם... עניו... חסיד... הר"ר שמחה שו"ב... (דאָ ליגט באַהאַלטן דער ערלעכער מענטש... דער עניו... דער חסיד... ר' שמחה שוחט...)

אַ שוידער איז מיר דורכגעלאָפן איבערן לייב: אונטער דער מצבה ליגט באַגראָבן מיין ברודער!

מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. די טרערן אָבער האָבן זיך נישט געוואָלט ווייזן. איך לייען איבער די מצבה נאָכאַמאָל און ווען איך קום צו די שבחים: „עניו, חסיד" — פרום

איך עפעס צו זיך אַליין אונטער דער נאָז. עפעס פיל איך אין די ווערטער אַ מין ביטערניש, ענלעך צו דעם געפיל פון קנאה און כעס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די מצבה האָט זיך אַ רודער געטאָן... אַז די ערד האָט זיך גערירט פון אָרט... אַ ציטער אין דער לופטן... ווי זיי וואָלטן מיר איינרוימען אין אויער:

— „אַנטשולדיק"...

נישט מיט די אויערן — נאָר מיטן האַרץ האָב איך געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין ברודערס נשמה בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג פאַר דעם „בייט" און איצט ערשט האָבן זיך די טרערן אַרויסגעריסן פון מיינע אויגן. איך האָב מורא געהאַט צו לייענען ווייטער די אויפשריפטן אויף אַנדערע מצבות, טאָמער וועל איך דאָרט דערזען אַזוינס, וואָס איך האָב נישט געוואָלט זען: דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען מיר אַרויף אויפן רעיון.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב, האָב איך זיי קוים דערקענט. די קנייטשן, די איינגעפאַלענע באַקן און זייער איינגעבויגנקייט האָבן זיי אינגאַנצן פאַרענדערט. דער טאַטע האָט געקוקט אויף מיינע קנעפּ, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און איז געשטאַנען פאַר מיר מיטן הוילן קאָפּ; די מאַמע איז געשטאַנען ביים אויוון, און האָט אָנגעהויבן רעדן מיטן טאַטען אויף אַ געמישטן לשון — האַלב יידיש און האַלב לשון-קודש:

— מסתמא — עפעס אַ פאָדאַטעק! ס'פעלט מיר מער נישט!

מיר איז איינגעפאַלן אַ משוגעת זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ פרעמדן.

— אַלטע! — הויב איך אָן צו רעדן מיט זיי אויף יידיש — אַ גרוס האָב איך געבראַכט פון אייער זון שמואל!

ווי דער טאַטע האָט דערהערט אַ יידיש וואָרט — איז ער צוגעלאָפן צום פענסטער, האָט אַ רייב געטאָן די האַנט אָן די

פּאַרטוימטע שויבן, איז צוגעגאַנגען צו מיר און אויסגעצויגן מיר זיין האַנט:

— שלום עליכם, יונגערמאַן!

די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען פון איר באַהעלטעניש און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מיר.

דער טאַטע האָט דערווייל גענומען זוכן אויפן טיש זיינע ברילן רעדנדיק מיט מיר:

— אַ גרוס — זאָגט איר? פון מיין זון? ווו האָט איר אים געזען?

— ווען האָט איר אים געזען? — פרעגט איבער די מאַמע מיט אַ ציטערנדער שטימע.

איך טראַכט אויס פאַר זיי עפּעס אַ אָרט און אַ צייט.

— וואָס מאַכט ער? אין דער מלחמה געווען? ער איז געזונט? אַהיים וויל ער נישט קומען?

זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט שאלות, און דערווייל האָט זיך דער טאַטע צוגעבויגן מיר צום אויער און געפרעגט:

— און וואָס הערט זיך... מכּה... אין דעם ענין פון דת?..

אַ קליפּה איז אַריין אין מיר און מיך אָנגערעדט, מצער צו זיין די עלנטע אַלטע לייט, גאָט זאָל עס מיר נישט רעכענען פאַר קיין זינד!

— איך האָב געזאָגט:

— אודאי, ווען ר׳ שמחה שוחט וואָלט זיין אויף זיין אָרט וואָלט ער אפשר בייגעשטאַנען דעם נסיון.

— וואָס?! געשמדט?!!

איך שווייג. די אַלטע האָבן אָנגענומען מיין שווייגן פאַר אַ סימן פון צושטימונג; האָבן זיי אַראָפּגעלאָזן די קעפּ און אויך געשוויגן.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו מיר:

— וואָס — ער האָט גענומען אַן ערלית? ס׳זיינען שוין פאַראַן קינדער?

איך האָב געשוויגן.

די אַלטע, האָב איך געהערט, וויינט שטילערהייט. דאָס האָט מיך אָנגענומען ביים האַרצן. איך האָב אָבער זיך איינגע־האַלטן און — געשוויגן... נאָר איך האָב געשפּירט, ווי עפּעס שטיקט מיר אין האַלז... איך האָב מיך געשטאַרקט און עס אַראָפּגעשלונגען.

— אוי, אוי, רבונו של עולם, טאַטע אין הימל, דערבאַ־רעמדיקער האַרציקער טאַטע! — האָט די מאַמע געוויינט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט מקבל זיין אויף זיך דעם גזר־דין און אין דערזעלבער צייט זיך געקלאָגט אויף אים.

און דער אַלטער איז דערוויל אויפגעשטאַנען, די באָרד האָט אים געציטערט און מיטן האַנט האָט ער אַ מאַך געטאָן, קאָלט און פאַרצווייפלט:

— עט! ברוך דיין אמת!

און אין דער מינוט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען דאָס מעסערל פון קעשענע און געוואָלט „קריעה" רייסן, האָט זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן פון דעם דערבייאיקן חדר אַן אָפּגע־ריסן און צעבראָכן קול, אַ קול פון אַן אַנדער זקן — אַ שכן, מסתמא — וואָס זאָגט תהילים מיט דעם נגון, וואָס פרעסט און ברענט דאָס האַרץ:

„כי יודע אדני דרך צדיקים..."

ס'האָבן זיך אין מיר אויפגעוואַכט די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס האַרץ איז מיר ווייכער געוואָרן.

איך האָב זיי בעזאָגט ווער איך בין...

— — — — — — — — — — —

און פונדעסטוועגן — האָט שמואל זיך ווידער אומגעקערט צו זיין דערציילונג נאָך אַ הפסקה פון טראַכטן — האָבן זיי נאָך אַלץ געצווייפלט. זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער האָב איך זיי אָפּגענאַרט. און האָבן זיך נישט באַרויִקט, ביז זיי האָבן מיך חתונה געמאַכט מיט מיין רבקהן, כדת משה וישראל.

ס'זיינען אַריבער צוויי יאָר נאָך דער חתונה, האָבן מיר אָנגעהויבן, נישט פאַר דיר געדאַכט, די ציין ווייו צו טאָן. אַזוי איז שוין דער שטייגער פון אַ יידן, ווי נאָר ער נעמט אַ ווייב

ון הויבט אָן האָבן קינדער, הויבט ער אָן באַלד זיך אַרומ־צוטראָגן מיט פאַרשיידענע „מיחושים".

אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל איז פאַראַן אַ פעלדשערן, וואָס איז אַ מומחהטע צו ציין־ווייטאָק און צו נאָך אַ סך קראַנקהייטן, מער פון אַ דאָק־טאָר.

גיי איך אַריין אין שפּיטאָל און פרעג:

— ווו איז די פעלדשערן?

איז אַרויסגעקומען אַ יונג ווייבל.

— מאַרוסיע?!

— שמואל?!

ביידע זיינען מיר אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך.

ווו איז דיין מאַן, מאַרוסיע? — האָב איך זי געפרעגט, ווען איך בין צו זיך געקומען.

— און דו סאַמויל, האָסט תתונה געהאַט?

— יאָ.

— איך בין נאָך אַ מיידל...

דאָס איז אַ גוטע נשמה געווען! זי איז שוין געשטאָרבן... זאָל זי האָבן אַ גוטן חלק אין גן־עדן!.."

דער אַלטער האָט איבערגעריסן זיין דערציילונג, אין מיטן מיט אַ טיפן זיפץ. דערנאָך האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף זיין זון, וועלכער איז אַנדרימלט געוואָרן, און זיך גע־טרייסלט אַהין און אַהער, האָט אַ שאָקל געטאָן אויף אים מיטן קאָפּ און אויסגערופן:

— אַזוי, אַזוי! ס'זיינען געווען צייטן! ס'זיינען געווען סאָלדאַטן! היינט איז אַלץ אַנדערש! אַנדערע צייטן, אַנדערע מענטשן, אַנדערע סאָלדאַטן — היינט איז דאָך אַלץ נישט מער, ווי גלייך, ווי ס'וואָלט געווען..."